№ 207
„חשמונאי" דורפט
„Hasmonaea" Tartu.

קרילאָװס משלים

אידיש:

פסח קאפלאן

313
L-40

צװײטע אויפלאַגע

ערשטער באַנד

פאַרלאַג א. אלבעק
ביאליסטאָק.

דרוק מ. פרושאנסקי ביאליסטאָק.

SOOST ÜLIÕPILASTE ÜHING „HASMONEA" TARTUS
הסתדרות הסטודנטים „חשמונאי" דורפט.

הקדמה

צו דער צווייטער אויפלאַגע.

אין יאָר 1914 איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, צו שאַפן פאַרן אידישן קינד, צוגלייך אויך פאַרן דערוואַקסענעם לעזער, אַ נייע איבערזעצונג פון קרילאָווס משלים.

די אַלטע אידישע פולע איבערזעצונג פון צבי הירש רייכערסאָן איז איצט שוין לחלוטין פאַרעלטערט געוואָרן, ריווקעסמאַנס איבערזעצונג אַנטהאַלט בלויז א גאַנץ קליינעם טייל פון קרילאָווס משלים. דער גאַנצער גרויסער אוניווערסאַלער ווערק איז נאָך אָבער געבליבן ניט פאַראידישט.

מיינע פריינט פון די ליטעראַרישע קרייזן, באַקענענדיג זיך מיט מיינע ערשטע פרובן, האָבן מיר צוגעגעבן מוט צו דער אַרבעט, און איך בין אין יאָר 1915, אינמיטן דער דייטשער אָקופּאַציע, פאַרטיג געוואָרן מיט דער איבערזעצונג פון אלע קרילאָווס משלים, חוץ קליינע אויסנאַמען, וועלכע דאַרפן, לויט מיין מיינונג, ניט איבערגעזעצט ווערן.

אין יענער צייט, ווען ביאַליסטאָק איז אָפגעשלאָסן געווען לחלוטין פון דער גאַנצער וועלט, ווען קיין ביכער-פאַרלאַגן האָבן אויך ניט פונקציאָנירט, איז דאָ אין ביאַליסטאָק נעשאַפן געוואָרן אַ קולטור-ליגע וועלכע האָט, צווישן אַנדערע, זיך פאַרגענומען אַרויסגעבן אויך מיין איבערזעצונג פון קרילאָווס משלים.

לויטן פלאַן האָט די גאַנצע ווערק געדאַרפט געטיילט ווערן אין פינף ביכער, און אין יאָר 1917 איז אַרויס דער ערשטער בוך, וואָס אַנטהאַלט 60 משלים. די איבעריגע ביכער זיינען אָבער ניט אַרויס.

די איצטיגע צווייטע אויפלאַגע זעט פאַר איינצוטיילן

אלע משלים אין דריי בענדער, פון וועלכע עס גייט איצט אַרויס דער ערשטער באַנד.

ביי דער אַרבעט פון דער איבערזעצונג האָב איך גע־שטעלט פאַר זיך פאָלגנדע כללים: 1) עס זאָל אָפּגעהיט ווערן קרילאָוס נאַאיוויטעט, פאָלקסטימלאַכקייט און קאָמפּאַקטקייט פון סטיל. 2) סיי די איינצלנע פראַזעס, סיי די גרעסערע בילדער, סיי אויך דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון משל זאָלן ניט זיין פרעמד דעם אידישן לעזער. צוליב דעם לעצטן צוועק האָב איך זיך אויך דערלויבט אייניגע משלים איבער־שאַפן אין א פאַראידישטן אינהאַלט, אָפּהיטנדיג אָבער דערביי סיי דעם סיוזשעט סיי אויך דעם „מוסר־השכל״ פונם משל.

זוכנדיג אומעטום אַריינצוברייננגען אין סטיל פליסיגקייט און בויגעוודיגקייט, אין קעגנזאַץ צו דער האַרטקייט און שטייפקייט פון קרילאָווס סגנון, האָב איך זיך אָבער געהיט, ניט אַריינצופאַלן אין א צו לייכטן צושוואומענעם טאָן, וועלכער באַרויבט ביים דיכטער זיין קלאסישע ערנסטקייט.

אויף ווי וויט ס'איז מעגלאך געווען האָב איך שטענדיג געזוכט איבערצוגעבן קרילאָווס באַוואוסטע ווערטלאַך אין דער פאַסיגער אַפאָריסטישער פאָרם.

עס בלייבט איבער דעם לעזער צו משפטן אויף וויפל די אויסגערעכנטע אויפגאבן זיינען דורך מיר געוויסנהאַפט אויסגעפירט געוואָרן.

פסח קאַפּלאַן.

ביאַליסטאָק, אין מערץ 1921

א פּאָר ווערטער.

צוטרעטנדיג אַרויסצוגעבן קריִלאָווס משלים, אידיש פון פסח קאַפּלאַן, האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל, ניט ווילנדיג, געפונען אין דער ראָלע פון אַ פאַרלעגער. איך האָב דערבײַ געהאַט א אידייאיש-געזעלשאַפטלאַכע כונה.

נאָך אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין 1917 יאָר איז מיר אויסגעקומען הערן אויף ליטעראַרישע פאַמיליע-אָוונטן לייענען אין כתב-יד קריִלאָווס משלים אידיש פון פסח קאַפּלאַן, וועלכע פלעגן מאַכן אַ קאָלאָסאַלן רושם אויף די הערער און אַרויסרופן אַפּלאָדיסמענטן. ש-עטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַלע משלים זיינען שוין איבערזעצט און פאַרטיג צום דרוק, נאָר עס האָט געפעלט דער אַרויסגע-בער, ביז וואַנען עס האָט זיך „דערבאַרימט" די ביאַליסטאָ-קער קולטור-ליגע און האָט באַוויזן ארויסצוגעבן קוים פינף דרוק בויגן.

באַלד ווי עס איז ארויס דער בוך פון דער ערשטער אויפלאַגע האָט מען די משלים אָנגעהויבן אויסנוצן פאַרצו-לייענען אויף ליטעראַרישע אָוונטן אין אלע שטעט און שטעטלאך ארום ביאַליסטאָק.

גלייכצייטיג האָט מען עס אָנגעהויבן אויסנוצן אין די אידישע שולן אלס לערן-בוך פון דער אידישער שפּראַך.

מיין פריינד פסח קאַפּלאַן האָט זיך דערמיט אָבער ניט צופרידן געשטעלט און ניט באַרוהיגט. ער האָט אלץ געזוכט די פּאַסיגע געלעגנהייט ארויסצוגעבן דעם גאַנצן בוך משלים וועלכע קענען אזוי נוצן דער אידישער שול.

וויפל מאָל איך האָב אים געטראָפן ביי דער ארבעט האָט ער אלץ איבערגעמאַכט, געשליפן, נאָך א געלונגענע פראַזע און א פּאָלקסטימלאַכן אויסדרוק.

ניט קוקנדיג אויף די שוועריגקייטן פון דרוק ביי די

איצטיגע באדינגונגען, האָב איך דאך באשלאסן, אז די וויכ-
טיגע ארבעט פֿון מיין ליבן פריינד און חבר פסח קאַפּלאַן
זאל ניט פארלארן גיין און בין צוגעטראטן ארויסצוגעבן דעם
ערשטן באנד.

דער גאנצער בוך דארף אנטהאלטן אן ערך דריי בענ-
דער. איך האף, אז אונזער לעזער קרייז סיי פֿון די גרויסע
סיי פֿון די שול-קינדער און לערער, וועלן אויפֿנעמען די
צווייטע אויפלאגע מיט ניט ווייניגער סימפאטיע, ווי מ'האט
געשיינקט דער ערשטער, און דאמאלס וועט אין גיכן אונזער
אידישע ליטעראטור ווערן רייכער מיטן גאנצן קלאסן ווערק.
מיין ציל וועט זיין דערגרייכט.

אהרן אַלבעק.

ביאַליסטאָק, מערץ 1921.

אינהאלט פון ערשטן באנד.

זייט

א. די קרא און דער פוקס . . 3
ב. די טוזיקאנטן 5
ג. א כלה אן אויסטראכטערקע 6
ד. דער פארנאס 10
ה. דער וואלף און די שעפסל 12
ו. די פויגעלע 14
ז. צוויי טויבן 16
ח. דער אימפעריאל 21
ט. דער דריי־ווייבערניק . . . 23
י. די מגפה אויף חיות . . . 25
יא. די וואסער־קריכערס . . . 32
יב. דער פוקס און די טרויבן . 37
יג. דער האן און דער פערל . 38
יד. דער וואלף און דער באטשאן 39
טו. דער שטיין און דער שלאנג 40
טז. דער עלפאנט און דער מאפס 42
יז. דער נייגיריגער 44
יח. דער לייב אויף דער יאכט . 45
יט. דער חזיר 47
כ. די שעפסן און די הינט . . 48
כא. דער פאפירענער שלאנג . . 49
כב. אברחמלם יויך 50
כג. שכורים 5
כד. דער פרוש און דער בער . . 54
כה. דער בער ביי די בינען . . 58
כו. די טייכל 60
כז. די אפיקורסים 62
כח. דער פאסטוך און די מוק . 64
כט. דער פוקס 65
ל. דער דעמב און דער אאיר . 67
לא. די זשאבעס, וואס בעטן
א קיסר 70
לב. דער מגיד 76
לג. דער אדלער און דער שפין 78
לד. דער וואלף און דער פוקס . 80

זייט

לה. א פוקס אן ארכיטעקטאר . 82
לו דער האפן 85
לז. דער פויער און די האק . 87
לח. דער וואלף און דער קאטער 88
לט. דער וואלף צווישן הינט . 80
מ. דער גוטהארציגער פוקס . 83
מא. די לויה 96
מב. דער פויער און דער גזלן . 98
מג. אליהו הנביא און דער
בעטלער 99
מד. דער רעמאטעם און דער שפין 103
מה שמשון 107
מו. דער וואלף און דער שטשור 109
מז. דער בעל־הבית און דער חקרן 111
מח. די ווילדע ציגן 112
מט. דער חזיר אונטערן דעמב 114
נ. דער שעפסעלע 116
נא. דער פויער און דער שלאנג 117
נב. די פאס 118
נג. צוויי אינגלאך 119
נד. די קוקאווקע און דער האן 121
נה. די פלאטקע 123
נו. דער שיפער און דער ים . 127
נז. דער מוק און דער לייב . 129
נח. דעם לייבס ערציהונג . . 132
נט. די וויוויערקעביים לייב . 136
ס. דער מוסר און די שלאנג . 140
סא. דער מאגנאט 142
סב. דער אלטער און דער טויט 144
סג. די פויערים און די טייך . 146
סד. דער פארשווענדער און די
שוועלבל 148
סה. דער וואלד־פארלאמענט . 151
סו. די קרא 153
סז. צוויי פעסער 155

א. די קרא און דער פוקס.

עֶס איז דאָך אלעֶמעֶן באַוואוסט,
אַז חניפה איז אַ מיאוסעֶ זאך;
און פאָרט
פאַרצוקעֶרן מיר איטלאַכס וואָרט,
ווען עֶמיץ לייעֶנט אונז אַ שבח.

————

אַ קראָ זיצט אויף אַ קוסט,
אַ שטיקל קעֶז אין מיילכל.
געֶוואָלט זיך נעֶמעֶן שוין צום עֶסן,
פאַרטראַכט זי זיך א ווײַלכל,
דעֶם איבעֶרבײַס פאַרגעֶסן.
דעֶרווײַל לויפט דורך אַ פוקס, דעֶם קעֶז דעֶרשפּירט עֶר
און ווערט פון ריח א געֶרירטעֶר.
עֶר שטעֶלט זיך אָפּ און קוקט ארויף צום קעֶזל,
וואָס קיצלט אים אין נעֶזל;
און תּכף איז אים אײַנגעֶפאַלן:
דעֶם קעֶזל קריגן וואָלט עֶר זײַן אַ בעלן.
עֶר רוקט זיך צו צום קוסט,
טוט שטילעֶרהייד אַ הוסט,
דער קראָ וואויל־יונגעֶריש באַגריסט,—

זאָגט ער: מײַן ט ײַ ב ע ל ע, ווי שײן דו ביסט!
אַ מין גן־עדן פֿױגעלע!
ס׳אַ שנעבעלע, ס׳אַ אױגעלע,
ס׳אַ העלזעלע, ס׳אַ פֿיסעלע!
איך מײן, אַז אױך דײַן זינגען
מוז ביזן הימל קלינגען!
טו נאָר אַ זונג אַ ביסעלע!
מיר דוכט, מ׳װעט דיך קרױנען באלד
אויף אַלע פֿױגעלאַך אין װאלד!״
די קראָ הערט צו און שמעלצט זיך גאָר פֿאַר פֿרײד
די קאָפּ ז׳ערט איר פֿאַרדרײט,
דאָס הערצל קלאַפּט,
דער אָטעם װערט פֿאַרכאַפּט,
אָט עפנט זי די מױל און נעמט זיך צום קאָנצערט.
דער קעז פֿאַלט באַלד אַראָפּ אויף ד׳ר ערד.
דער פֿוקס איז ניט קײַן שוטה,
ער כאפט אים צו און מאכט די פּליטה.

ב. די מוזיקאנטן.

אַ גאַסט קומט אויף אַ חתונה צוגײן.
געהאַט דערבײַ אַ מײן:
אַ גוטן בּיס טאָן בײַם באַקאַנטן
און, אגב, הערן זײַנע מוזיקאַנטן:
געהאַט אַ מין מנגניש־פײַנעם מאָגן.
נאָר זיצנדיג בײַם טיש,
האָט ער דערהערט א מין געמיש
פון דריפּעניש און סקריפּעניש,
ווי ניט געשמירטע רעדער פון אַ וואָגן.
דער אורח זאָגט צום בעל־הבית:
„וואָס איז עס דאָ, ר' אליה,
בײַ אײַך פאַר אַ קאַפּעליע?
זי סקריפּעט דאָך און ווײס ניט וואָס!"
— יא, אמת, מײַן אָרקעסטער
איז אין מוזיק כּלל ניט דער בעסטער;
בײַ מיר איז אָבער דאָס דער עיקר:
די מוזיקאנטן זײַנען דאָך ניט שכּור.

————

און איך פאַרשטײ: כאָטש טרינק,
נאָר אַרבעט פלינק.

ג. א כלה אַן אויסטראכטערקע.

אַ כלה=מײדל האָט פֿאַרזואָלט זיך טאָן אַ שדוך.
הנם גערעכט איז זי דאָך,—
אַן עולה נאָר: עס האָט זיך איר געגלוסט
אַ חתן שײן, יונג, רײך, באַוואוסט,
אַ יחסן—און פֿארליבט אין איר
גאָר אָן א שעור...
צופֿיל פֿאַרלאַנגט אַפּנים!
און פֿאָרט געהאַט אַ סך בעלנים,
טאָג=טעגלאך קומען אַלץ שדכנים,
זײ שלאָגן אָפּ די שוועלן
און לײגן פֿאָר די וויכטיגסטע ענינים,
אַבי די כלה זאָל נאָר וועלן.
איז אָבער דאָס די צרה:
דאַרף זי אַ תשובה געבן שוין אַ קלאָרע,
ערשט דאַמאָלס זעהט זי זיך ארום,
אַז דער מדובר האָט א מום:
דער איז צו פֿרײַ און דער צו פֿרום
דער האָט אַ קורצע ראיה, דער א לאַנגן נאָז
און יענער רעדט און ווײס ניט וואָס,

דיִ זײַנען האָריגע און דיִ מיִט פליִכעס,
כּײַ אַנדערע געפּעלט איִר ניִט דער יחוס.
קײַן איינציִגן ניִט צוגעקליִבן
און דיִ שדכניִם בלויז פּארטריִבן.
אַ צוויי דרײַ יאָר אַוועקגעפלויגן,
מ׳זעהט קײַן שדכן פאַר די אויגן.
נאָכדעם קומט ווידער איינער פּאָרלייגן נכבדות,
שוין ניִט קײַן פראַנטל, נאָך דיִ לעצטע מאָדעס.
דערפאַר אַ גאַנץ געזונטער קרן,
ניִטאָ ביים ענין וואָס צו קלערן.
דער כּלה אָבער נעמט עס ווי די וואַנט:
געהערט אַ חתן? ניִט גאַלאַנט,
פרעגט איִם בחרם ווי מ׳ניִט די האַנט,
איז אויסגעריכנט אויפן גראָשן,
הײַנט רעדט ער אַ ברוטאלן לשון!
און גלאט, וואָס איִז עס פאר אַ ברען?
דאַנק גאָט, איך קען
נאָך זיצן דרײַ פּיר יאָר אַ מיידל,
איִך האָב טײַן עסן און מײַן קלײדל
און מײַנע טעג און נעכט
פאַרברייינג איך גאָרניִט שלעכט;
ווער קען מיך נויטן,
מײַן יונגשאפט פאר דער צײַט צו טויטן?...

אזוי איז נאָך אַ צייַט פארשוואומען:
חתנים מער שוין ניט געקומען.
עס לויפן ניך די יאָרן,
די מיידל איז אַ מויד געוואָרן,
זי קוקט זיך אום: איין חברטאָרן
האָט שוין אַ קדישל געבאָרן,
די צווייטע —
אַ בעלהביתטע שוין א ברייטע;
געבליבן נאָך מיט איר
אַ דריי צי פיר,
נאָר באַלד שוין אויך פאַרקנסט.
די פרייע צייט
אין איינזאַמקייט
הערט ביסלאכווייז פארהאַסט.
און דאָ דערוויסט זי זיך פון שפיגל,
אַז ס׳לייגט זיך שוין אויף איר דער זיגל
פון אומעטיגער עלטער:
דער קוק פון אויג ווערט קעלטער,
עס קנייטשט זיך וואו-ניט-וואו דער שטערן,
די בעקלאַך נעמען בלאַסער ווערן,
און פלוצים זעהט זי גאָר:
ס׳באווייזט זיך שוין אַ גרויער האָר.
אוי, טרויעריג פון אַלע זייטן!

װאו נעמט מען יענע צײַטן,
װען ס'איז געװעזן גאנצע טעג
אײַן לוסטיגער געיעג,
און ס'פלעגן זיך פארמישן
די ליבעס מיט פארדרײַעניִשן
װי אין אַ קעסלגרוב אַ ברױזיג-פרישן.
און איצט, אוי װײַ, בלײַבט זי פאַרזעסן,
פון אַלע־מען פאַרגעסן,
געפינט זיך בלויז אן ערטל
אמאָל אין שכנות בײַ אַ קערטל
צי בײַ א מצוה צװישן דאמען־פאטראָנעסן!
זי מוז זיך דאָך א חבר קלײַבן,
כדי אן עלנטע ניט בלײַבן!
לסוף געפינט זי זיך א חבר,
א חופה אָפּגעשטעלט
און קװעלט,
הגם ער איז א בחור א קוליאװער!...

ד. דער פּאַרנאַס.

דִי גרִיכן האָבּן מִיטאמאָל
דִי געֶטעֶר פֿוּן אלִימפּ פאַרטרִיבּן
אוּן אוּיפן בּאַרג, ווִי אוּנטן אִינם טאָל,
אלײַן מִיט העֶקל־פעֶקל זִיך פֿארקלִיבּן:
צוּטײַלט אִים אוּיף קוואַרטאַלן,
אוּן ווּעֶמעֶן ס׳אִיז דעֶר גוֹרל וואוּ געֶפאַלן,
האָט עֶר זײַן סטאַדעֶ דאָרט געֶפִּיטעֶרט
אוּן פֿאַר דִי געֶטעֶר ווִינציִג־וואָס געֶצִיטעֶרט.
אזוֹי שטײַט אוֹיך אוּיף דעֶם פּארנאַס
אַ פּאַרטיעֶ אײַזעֶלאך אוּיף פּאַשעֶ
אוּן אײַן חמור, משמעות אַ בּר־דעת,
פארלײַגט אזאַ מִין קשיא:
— נוּ, זאָגט אלײַן, פֿארוואָס
האָט אוּנזעַר בּעל־הבּית
דִי זִיבּן שוועֶכטעֶר מוּזעֶס
געֶהײַסן קוּשן דִי מזוּזוֹת
אוּן אוּנז דעֶם כּבוֹד אָנגעֶטאָן,
אַוועֶקגעֶשטעֶלט אוּנז אוּיבּנאָן?
מסתּם אִיז זײַעֶר זִינגעֶן אִים שוֹין נמאס,
מאַכט עֶר דעֶר פֿוּן אַ קנאַפּן צִימעֶס.

זויִל דוקא צוהערן דעם קלאנג
פון ליִבן אייזלשן געזאנג.
אָט לאָמיִר טאקיִ מאָן א צי
איִן פוילן אייזל־כאָר
און זאָלן אַלע הערן וויִ
דיִ אייזלען זיִנגען פעסט זײַן קלאָר!
און טאקיִ באלד האָט זיִך דערהערט
אַ שטארקער אייזלשער קאָנצערט,
אז ס׳האָט געציִטערט היִמל־ערד.
נאָר אָט דיִ הארציִגע מוזיִק
האָט זייער בעל־הבית אזוי געריִרט,
אז ער האָט באלד געכאפּט א גראָבן שטריִק,
דיִ נײַע מוזיִקער איִן שטאַל פאַרפיִרט.

ה. דער וואלף און די שעפסל

בײַם שטארקערן איז שטענדיג שולדיג דער ס'איז שוואך,
דערצו האט די היסטאָריע ראיות גאָר א סך;
נאָר די היסטאָריע איז ניט אונזער פאך,
אט הערט א מעשהלע, אן אמתדיגע זאך:

————

א שעפסל קלײן און יונג
פארגלוסט זיך אין א זומער-טאָג א טרונק.
ער גײט צום טײַך און װאלט זיך דאָרט דערפרישט,
האָט אָבער זײַן שלימזל זיך ארײַנגעמישט:
קומט פלוצים אָן א בײזער װאָלף אנטקעגן.
א שעפסל איז א גאנץ געשמאקער ביסן,
דער װאָלף װאָלט אים אויף שטיקלאך באלד צוריסן,
נאָר גלאט אזוי פון יוצא װעגן,
װיל ער פארגלעטן אָט די עובדא זײַנע
און הויבט אָן מיט אזא מין טענה:
—װאָס קומסטו, שגץ, אין מײַן הײם,
פארשמוציגן מײַן טײַך מיט זאמד און לײם?
פאר אָט דער חוצפה װעל איך אויפן שטעל
אראָפּציִהען פון דיר דײַן פעל!
—אדוני װאָלף, איך בעט דיך, הער מיר אויס!

מיר רוכט, מײַן חטא איז גאָרנישט אזוי גרויס,
דײַן גרימצאָרן איז גלאַט אומזיסט;
דו זעהסט דאָך, אז דער טײַכל פליסט
פון דיר אַראָפּ צו מיר!
—האָב איך א לינן נאָר נעזאָגט?
דו יונגער שנעק, ס׳א עזה דאָס פאַרמאָגט!...
שא, חברה-מאן, איך קען דאָך דיר—
דו האָסט נאָך פאַראיאָרן
מיט עזותקייט דערוועקט מײַן צאָרן,
אזוינס ווערט ניט פאַרגעסן באַלד!
—איך בין דאָך נאָך קיין יאָר ניט אלט!
—איז דאָס געווען א ברודער דײַנער.
—איך בין דאָך א בן-יחיד בײַ דער מאמען מײַנער!
— איז דײַנס אַ פעטער צי א קרוב,
פון דײַנע לײַט—דערויף בין איך דיר ערב.
איר אַלע מיט די הינט מיט די פאסטוכעס
זײַנט שונאים מיר צו אלדי רוחות,
איר וואָלט זיך באָדן אין מײַן בלוט—
דערפאר באַצאָלסטו מיר אין דער מינוט!
—נאָר וואָס האָב איך דאָ פאר אַ שולד?
—דו שווײַג, עס פּלאַצט שוין מײַן געדולד!
איך קען מערדײַנע טענות ניט פאַרטראָגן,
דײַן שולד איז דאָס שוין, וואָס איך האָב אַ מאָגן!

געזאנט און באלד
אוועקגעשלעפט דעם שעפס אין וואלד.

ו. די פויגעלע.

א פויגעלע לאזט זיך אראפ צום ים •
און מאכט א גאנצן טאראראב,
אז זי וועט בלומרשט קענען
דעם ים פארברענען.
עס קלינגט די וועלט מיט דער געשעהעניש:
פון טייך די פיש,
די פויגלאך פון דער לופט, פון וואלד די חיות,
אפילו שטאט=מענטשן, וואס לייענען א צייטונג
און ווייסן די באדייטונג
פון אנגעבלאזענע בויז-וואונדער,
געקומען זיינען אלע דא אצונדער
באטראכטן אט די נייעס,
ווי אונזער פויגל מאכט הכנות,

צו אונטערציגנדן דעם אוקינוס.
זיי שטייען וואַרטנדיג בײַם ברעג
און איינער טוט דעם אנדערן א פרעג:
—וואָס זאָגסטו, וואָלט עס עמיץ גלויבן?
אַ פויגעלע זאָל זיך אזוינס דערלויבן..
ניט מיר ניט דיר, גלאט נעם דעם ים,
צינד אָן אין אים אַ פּלאַם.
—וואָס קלערט מען דאָ? עס איז מסתם
ניט גלאַט א פויגל, נאָר א שד!
—און איך קען גיין געוועט:
די גאנצע מעשה מוז באטייַטן,
אז ס'קומען אָן משיחס צײַטן!
דערווײַל מאכט זיך די פויגל גרייט מיט הכל בכל
צום זעלטענעם כפעקטאקל.
זי דרייט זיך, פרייַכט און בלאָזט און פאָכט,
די וואַסער—ניט זי ברענט און ניט זי קאָכט.
לסוף ווערט אונזער פויגעלע דער ענין מיאוס
און אָן שום איבעריגע שהיות
הויבט זי זיך אויף און פליט אוועק
וואו אונזער וועלט האָט נאָר אן עק,
נישמער... זי ווערט דערווײַל
נתפרסם ווייט ארום אויף הונדערט מייַל.

ז. צוויי טויבן

עֶס לעֶבן טויבן צוויי, ווי ברידעֶר פון איין מאמעֶן.
זיי עֶסן, טרינקעֶן, שלאָפן נאָר צוזאמעֶן,
וואו איינעֶר, דאָרט דעֶר אנדעֶרעֶר געֶוויס,
זיי טיילן לייד און פרייד, אַ לעֶבן צוקעֶר זיס.
זיי שפירן גאָרניט ווי די צייַט פארפליט,
פאראן א מאָל אַ ד א ג ה, א ו ם עֶ ט קיינמאָל ניט.
נו, דוכט זיך, לעֶבט זשעֶ, ברידעֶרלאַך, אין פריידן!
למאי זיך וועֶלן שיידן?
ניין ,ווילט זיך איינעֶם דווקא מאַכן א נסיעה,
וויל זעֶהן די וועֶלט, באַטראַכטן איטלאכס פליאה,
וויל אויסקוקן וואו בעֶסעֶר און וואו שעֶנעֶר,
—וואוהין?—זאָגט, וויינעֶנדיג, אים יעֶנעֶר—
וואָס טויג דיר גלאט
זייַן נע ונד,
צי ביסטו מיט מייַן ליבשאַפט זאט?
זעֶה, ברודעֶר, אויב דו האָסט אויף מיר ניט קייַן רחמנות,
דעֶרמאָן זיך דייַנעֶ אייגעֶנעֶ סכנות,
דעֶם שפארבעֶרס רויבעֶרשעֶ אַכזריות,
די בייזעֶ שטורעֶמס, ווילד-פוסטעֶ מדבריות
וואַרט כאָטש אויף זומעֶר-צייַט,

איצט איז אפילו דאָך קײַן קערנדל ניטאָ.
שאַ, הערסט? א קראָ
פליהט דאָרט און שרײַט!
ס'איז אויך ניט פון די פרײַלאַכע סימנים.
נו, בלײַב=זשע אין דער הײם מיט מיר,
מיר ליבן זיך דאך אָן אַ שעיר!
איך װעל אָן דיר דאָך, מײַנע שונאים,
אין דײַן נסיעה אָט דער האַרבער
פון טויטשרעק שטאַרבן איטלאכס רגע!
ס'װעט מיר זיך חלומען א פאסטקע, צי א שפארבער,
א יעגער, צי אַ דונער צי אן אַנדער פגע,
און טראַכטן װעל איך אויפן װאָר:
אוי, װײ, װאָס מאכט איצט פאָרט מײַן ברודער?
װער װײס, צי לעבט ער גאָר
צי שלעפט ער זיך ניט װי אַ שיפל אָן א רודער?--
דעם ברודער רירט די האַרציגע בקשה,
די בײנקשאַפט דריקט און קלעמט,
נאָר ס'רופט און רײצט און ציהט אים אין דער פרעמד.
דעם ברודער טרײסט ער מיט אזא מין דרשה:
—ניט װײן, מײן טײַערער, איך פליה אװעק
בלויז אויף אַ צװײ רדײ טעג:
אַ דורכפליהען די װײַטינקע מקומות,
באַזועהן אלץ, װאָס דו טרעפסט ניט אין דער הײם עס,—

א וועג פונקט ווי א זיסער חלום...
און קום איך נאָר אַהיים בשלום,
דערצייל איך דיר הפלאה־מעשׂות
פון אַלץ וואָס שיינס, וואָס נייַס איז,
און דו וועסט אלץ זיך פאָרשטעלן ווי ס׳לעבט,
ווי דו וואָלסט אומעטום אליין מיט מיר געשוועבט!—
נו, מילא, האָט מען זיך צוקושט, צוזעגנט,
און יענער לאָזט זיך אין אַ ווייַטן געגנט,
צום וואַנדערן,
ערשט ס׳הויבט זיך אויף א שטורעם־ווינט; עס רעגנט,
עס בליצט, איין דונער נאָכן אַנדערן.
אַרום איז פוסט און וויסט,
וואו א באַהעלטעניש געפינען?
אָט שטייט אַ דאַרער דעמב, וועט ער אים אפשר דינען?
אומזיסט!
דער פליהער שפּארט זיך צו און רוהט זיך אָפּ.
נאָר ס׳דרייט דער ווינט, דער רעגן גיסט,
און ס׳טרייסלט אים פון פוס ביז קאָפּ.
צום סוף ווערט שטילער דער געוויטער,
די שוואַרצע וואָלקנס ווערן שיטער,
עס שיקט די זונעלע איר ליבן שיין
אין ברייטן פעלד,
און ס׳לעבט אָפּ ווידער אונזער העלד.

אַ אויסגעװײַקטער פֿליט ער
אין װײַטן װעג אַרײַן.
דערזעהט ער אויף דער ערד,
בײַם װעלדל, חײַצנקערנדלאך פֿאַרשאָטן.
צו דער מציאה לאָזט ער באַלד זיך, ניט געקלערט,
און—אויף אַ פֿאַסטקע גלײַך אַרויפֿגעטראָטן.
אוי װײ, אַן אומגליק! רײַסט ער זיך און פֿלאַטערט,
די לעצטע כּוחעראך געפּטרט,
און קריכט אַרויס,
אַ פּיסל מיט א פליגל אויסגעלונקען בלויז.
נאָר, מילא, זײַן כּפּרה,
אבי געראַטעװעט דעם לעבן.
ער לאָזט זיך װײַטער שװעבן.
ערשט ס'קומט א נײַע צרה:
דער שטענדיגער רוצח פֿון די טויבן,
דער שפּאַרבער, פליט פֿון אויבן,
אַרויסגעקאַטשעט װילד די אויגן,
די שאַרפֿע נעגל אויסגעצויגן,
שוין גרייט דער טײַבלס װאַרים בלוט צו זויגן.
עס ציטערט אונזער העלד די הויט,
אָט-אָט, שוין נאָנט דער טויט,
ער רײַסט זיך מיט א אימפּעט, פֿליט אװעק,
נאָר ס'גײען אוים די כּוחות, שוין אַן עק.

אַט שפּירט ער שוין דעם קאַלטן הויך
פון שפּאַרבערס פליה אין אויר;
נאָר פּלוצים שוועבט אַן אָדלער פון דער הויך,
אַריינגעשטעקט די נעגל טיף אין שפּאַרבערס בויך,
און—איין רוצח פרעסט זיין חבר!
דערווייל מאַכט אונזער העלד די פּליטה
און פאַלט דאָרט אונטן, ווי א סנאָפּ,
ביים פּליט אַראָפּ.
נאָר איין צרה רופט נאָך די צווייטע,
קומט אָן א אינגל, מאַכט א שמיץ,—
די יונגוואַרג האָט דאָך פון רחמנות קיין באגריף—
הויבט אויף אַ שטיקל פון אַ טעפּל,
א וואָרף—און שפּאַלט דער טייבעלע די קעפּל.
קוים לעבעדיג, די קאָפּ צוקלאפּט,
איין פליגל אויסגעלונקען,
און אויף איין פיסל צוגעהונקען,
א העלפּט געפלוינן און א העלפט דערקראָכן,
האָט אונזער פליהער זיך אהיים אריינגעכאפּט
אין נעסט צום ליבן שכן.
איין גליק: די ליבשאַפט איז דער בעסטער דאָקטאר—
און אונזער העלד, דער אָנגעווייטאָגטער, פאַרצאָגטער,
איז ווידער מיט זיין חברל געזעסן,
אינאיינעם נאָר געטרונקען און געגעסן
און אלע צרות בײַסלאַכווײַז פאַרגעסן.

ח. דער אימפּעריאל

ציִ ברײַנגט השכלה נוצן?
אוראי, ס'ארא פרעגן!
נאָר װער עס רופּט השכלה—לוקסוס און פּוצן,
ציִ גאָר דיִ גרעסטע מדות רעות,
צולאָזנקײַטן אָן א ברעג—
װעט שטארק באַדױערן זײַן טעות.
און איטלאַכער מוז פאַר די אױגן האָבן,
בשעת ער גײט פון פאלק דיִ גראבקײַט שאָבן,
ער זאָל דערבײַ פון איִם
ניט אָפּרײַבן דעם צלם אלוקים.
דערפון װאָלט מען געקענט גאנץ זיכער
באַשרײַבן גרױסע ביִכער;
נאָר ספריִם שרײַבן איִז ניִט אלעמען באשערט,
איך האָב דערצו א משלע, אָט הערט:

גערפונען האָט אַ פױער
א איִמפּעריאל פון זהב טהור
איִן בלאָטע אײַנגעשמוצט
און טראכט: װאָס נוצט
דיִ דאָזיִגע פאַרבלאָטיגטע מטבע?

איך מוז עס, לויט מײַן דעה,
שטארק רײַבן, שאָבן, פוצן, שײַערן,
און דאַמאָלס ערשט קריג איך
אַ אימפעריאַל אַ טײַערן,
מ'זעט בײַ מיר, ווי א בריליאַנט,
אים כאַפּן פון דער האַנט.
און אונזער פויער נעמט אויף גיך
אַ הויפן זאַמד מיט ציגלשטײַן מיט קרײַט
און רײַבט דעם אימפעריאַל פון איטלאַכס זײַט
און קראַצט און שאָבט און שײַערט,
מיט קרײַט און זאַמד אַ שמיר,
מיט ציגלשטײַן אַ פיר,
אַ צי, אַ שלײַף, גאָר אָן אַ שעור.
עס פײַערט
שוין אונזער אימפעריאַל.
מיט גלאַנץ פון זונען־שטראַל.
נאָר די מטבע האָט די גאַנצע וואָג פאַרלאָרן
און איז געוואָרן
אַן אויסגעריבן שערבל.
דער פויער האָט פאַר איר באַקומען
במזומן
קוים־קוים אַ זילבער־קערבל.

ט. דער דריי-ווייבערניק.

אַ בעל-עברהניק האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט
צו זיין ווייב נאָך צוויי נעמען.
האָט זיך דער קיסר דאָס דערוואוסט—
(געווען אַ מושל אַ גערעכטער
און וואו מ'דאַרף, אַ שלעכטער;
ביים שטראָפן ניט געקוקט אויף טיטלען און אויף נעמען.)
הייסט ער דעם אשת-אישניק אַרעסטירן,
מיט גרוים פאַראַד אין תּפיסה פירן
און זיינע שופטים לאָזט ער הערן,
זיי זאָלן זיך באַקלערן
און אויסזוכן אַ פסק אַ ביטערן,
אַז ווער עס הערט זאָל ציטערן,
און וויסן זאָלן גרוים און קליין,
אַזאַ עברה קיינמאָל ניט באַגיין.
— נאָר, זאָגט ער, אויב ס'געפעלט מיר ניט דער פסק,
הייננ איך איך אַלעמען אויף דעם אושאַק!—
דעם קיסרס וואָרט איז ניט קיין וויץ,
עס וואַרפט די שופטים באַלד אין קעלט און היץ,
זיי זיינען אָפגעזעסן
צוזאַמען דריי מעת-לעתן,

געפּשטלט אַלץ זיך אָן אַ סוף,
װאָס גיט מען יענעם פאַר אַ שטראָף?
פאַראַן אפילו שטראָפן כּלערליי,
צי האָבן אָבער זיי
אַ רשע פֿאַר אַ צדיק װען געמאַכט?
די שופטים האָבן זיך דערטראַכט:
דעם חוטא אין געריכט געבראַכט
און אים געמאָלדן, אז פאר זיין עבירה
גיט מען אַרויס אויף אים א גזירה,
אז ער װערט תּכף פריי
און קריגט צוריק די װייבער אַלע דריי.
דער עולם הערט דעם דאָזיגן באַשלוס
מיט גרויס פאַרדרוס,
נאָר אײדער נאָך ס'איז איין מעת-לעת פאַרגאַנגען,
האָט דער דריי-װייבערניק זיך אויפגעהאַנגען,
און ס'האָט אַ ציטער אָנגענומען אַלע לייט,
און דאָרט, אין יענער לאַנד,
װי ס'איז אונז גוט באַקאַנט,
נעמט קיינער שוין ניט קיין דריי װייבער.

י. די מגפה אויף חיות.

עס ווילדעווערט אכזריותדיג אין וואלד
די מוראדיגע פלאג פון הימל, די מגפה.
אַ בייזע מורא פאלט
אויף אַלע חיות, פונקט ווי אין אַ שרפה:
דער טויט שפאצירט דורך וועלדער, פייכן און זאנאָנעס
און שלעפט מיט זיך אומצייליגע קרבנות,
ער שניידט זיי אומברחמנותדיג ווי היי.
און ווער עס לעבט נאָך, איז געראטן
בלויז אין אַ בלאסן שאָטן;
אין פחדליווער אָפּהענגדיגקייט קריכן זיי
אויף בארג און טאָל,
טעמפּ ברומענדיג מיט א פארשטיקטן קול,
ניטאָ קיין לעבן ווי אַמאָל.
די זעלבע, דוכט זיך, חיות,
נאָר גאָר מיט אַנדערע העוויות.
ר' וועלוול שטיקט שוין ניט קיין שאָף,
ר' פיקסל קוילעט ניט קיין עוף,
ר' לייב קייט שטרוי, אפילו אונזער טיגער
דרייט זיך אַרום אַ צוציונקע, ווי ניט קיין היגער.
דער סאָלאָוויי גיט מער ניט קיין קאָנצערטן,

די טײַבעלע—פֿאַרלאָזן איר באַשערטן.
איז זיך דער לײב מישב רופן אַן אסיפה:
בהמות, חיות, פֿיפּערנאָטערס, שלאַנגען,
מ׳קוקט ניט אויף קײן ראַנגען,
קאקארדע, שליפּע,
ניטאָ קײן כשר־טריפֿ, קײן טהור־טמא,
װער ס׳האָט נאָר אַ נשמה
און האָט אַ שײַכות צו דעם ענין,
דעם װעט מען שױן מצרף זײַן צום מנין.
דער עולם שלעפּט זיך אין אַ װיסטן הילך,
װי נאָך אַ זומערדיגן תּענית;
מ׳קומט מיט פרומע, כשרע כּונות
און אַלע זעצן זיך ארום דעם מלך.
דער לײב הױבט אָן און זאָגט:—רבותי,
פֿון הימל איז מיט װילדן צאָרן
אַ שטראָף אַ גרױסע
אויף אונז געשיקט געװארן.
דאָס האָט מען אונז געקינדיגט,
אַז אונזער װאלד האָט זיך פֿארזינדיגט.
דעם הימלס כּעס קען מען פֿארװישן
נאָר אויב מיר זאָלן אויסקלײַבן פֿון צװישן
אונז אַלעמען דעם, װאָס איז מער פֿאַרדארבן
און קױלענען אים פֿאַר א קרבן.

דעם מנהג אט דעם שיינעם
קענט איר דאך שוין פון ימים הקדמונים,
געווען פון תמיד אן א סגולה
אנטקעגן שלעק, פורעניות א פולע.
אט לאמיר זיך מתודה זיין מיט חשק,
ווער פון אונז אלע איז מער פלייסיג.
ווער ס׳האט מער בלוט פארגאסן,
פון „אבר מן החי״ גענאסן,
דער זאל זיין חטא דא זיין מגלה,
און ווער פון אלע
ס׳וועט זיין דער גרעסטער חייב אין דער צרה,
וועט ער פאר אונז זיין די כפרה...
אט בין איך זיך אליין שוין מודה
פאר קהל ועדה,
אז איך בין אויך קיין צדיק ניט קיין גרויסער,
כ׳האב אן רחמנות און אן יושר
געפליקט, געווארגן שאף אין סטאדע
און זיך געלאבט אין זייער בלוט;
אפילו די פאסטוכעס גופא
געווען ביי מיר אן עגלה ערופה.
אודאי
בין איך דער ערשטער ווערט די רוט,
איך זאל, ווי א רוצח,

זיך לאזן שחטן דא אויף דעם מזבח...
נישמער...
מיר דארפן זיין געדולדיג:
אויב צווישן אונז איז אפשר ווער
פאר מיר מער שולדיג,
עס באלד דערקלערן...
נאר דא טוט זיך דער פוקס א שטעל,
פארגלאצט די אויגן,
די מארדע אויסגעצויגן,
און שרייט: רבותי, איך גיב אפ מיין פעל,
אויב אונזער הארציגער, געליבטער קעניג
איז שולדיג דא פיל־ווייניג!
פון אייביג אנעט, ווי איך ווייס,
איז עס א זכיה פאר א שעפסל,
ווען אונזער לייב מאכט זיך א סעודה פון זיין פלייש
און פון זיין בלוט א שנעפסל,
און די פאסטוכעס די טייוולאנים
זיי זיינען תמיד דאך בעלנים
אויף אונזערע אומשולדיגע נפשות,—
טא וואס איז דא פאר קשיות?
ניין, אדרבה, איך מיין: אונזער קיסר
קומט נאך א יישר־כח גאר א גרויסער,
וואס ער האט זיך פאר אונז געמאטערט,

דעם שונא אונזערן געפּטרט!״
דעם פיקסלס גלאַטינקע חניפה
כאַפּט אויף די גאַנצע וואַלד אסיפה
און ס׳ווערט אַרויסגעטראגן אַ החלטה,
אַז אונזער לייב האט גלאַט אומזיסט חרטה;
פאַרקערט, ער איז מיט צדקות פול,
ניטא אויף אים דער מינדסטער פסול...
און נאכן לייב איז זיך מתודה
די גאַנצע ציינערדיגע, נעגלדיגע סטאַדע:
היענעס, טיגערס, וועלף און בערן,
ניטא קיין חרפה און קיין מורא:
זוער ס׳איז נאר וועגן באַגאַנגען אַן עברה,
דער קומט און לאזט עס הערן,
און ס׳דעקט זיך אויף אַ פינסטערע מגילה
פון ציינער־קריצעניש און נעגל־רייסעניש,
פון פיקעניש און פליקעניש און בייסעניש,
פון כלערליי הריגות, מערדערייען,
וואו נאר אַ חיה—דארט אַ קין,
אַ פלייש־פרעסער, אַ בלוט־זויפער במחילה...
נאר אונזער פרומער ציבור
הערט אוים דעם צעטל מיט חטאים,
באַטראַכט און לייגט זיך איבער,
אַז ס׳איז ניטא דא קיין רשעים,

אַז ווער ס'האט נעגל, ציינער,
דער האט פון הימל שוין אַ שליחות
אויף רייסן פלייש און ברעכן ביינער,
און וואס מער פרעסעניש, רציחות,
אַלץ גרעסער איז דער יחוס.
און פלוצים הערט זיך שטיל אַ מוקען:
אַ אָקס אַ ביינערדיגער רוקן,
קריכט צו פּאַמעלאַך
און זאגט: אדוני מלך,
איך בין זיך מודה ווי אַ קינד,
אַז איך בין אויך ניט פריי פון זינד:
געוועזן מיט פינף-זעקס יאר צוריק
אין לאַנד אַ שרעקלאַכע זאַסוכע;
מיר שלעפן זיך, שאף, אקסן, קי
מיט פלאָגעניש און מי,
געפינען ניט קיין מקום מנוחה.
טו איך אַמאָל אַ בליק,
צום גליק:
מ'פירט אַ וואָגן היי צום פאפ אין שייער.
עס צינדט זיך אן אין מיר אַ פייער,
איך ווייס שוין גארניט,
צי מעג מען צי מ'טאר ניט,
אין וואגן טו איך שטיל אַ טאַפּ,

אַ בִּינטל הײַ אַ כאַפּ,
צוקײַ עֶס,
און ס׳קומט מיר צו דאס חיות.
אט דאס, רבותי, ווי איר זעט,
איז מײַן אַמאָלעֶדיגעֶר חטא...
געֶהערט פון אקס דעֶם וידוי,
וועֶרט אַ געֶשרײַ אַ ווילדעֶר,
אַ ליאַרים, אַ געֶפּילדעֶר:
געֶהעֶרט אַ שײַנעֶ מידה?
גײט גנבעֶנען נאר הײַ פון וואָגן!
געֶוויס האט מעֶן פאר זײַנעֶ זינד
אויף אונז געֶשיקט די שטראף אצינד!
כּדי דעֶר הימל זאל זײַן חטא פארטראגן,
מוז מעֶן אים אפּטאן באלד זײַן רעֶכט!
דעֶם גנב כאַפּט און שחט,
וועֶט גאט פארנעֶמעֶן אונזעֶר תּפילה
און שיקן אונז א סליחה־מחילה!
און טאקי באלד, מיט קנאק און טשאק,
איז מעֶן דעֶם אָקס מקיים פּסק.

יא. די וואסער־קריפערס.

נעוועֶן אמאל א קיסר,
א ליבהאבער פון פאלק א הייסער.
האט זיך דערוועקט ביי אים א שאלה,
צי איז השכלה פארן פאלק א מעלה,
צי א חסרון.
צונויפגערופן זיינע מיניסטארן,
האט ער פארלאנגט א ענטפער באלד א קלארן.
נאר שווער צו קריגן אין דער קיניגלאכער סוויטע
אן אמת לאמיתה.
דער זאגט, אז שכל איז א מתנת אלוקים,
און אים
איז איטלאכס מענטש געגליכן צו א בהמה.
דער אנדערער: השכלה איז אן אלטע „שמה",
האם טויג נאר אויפן פלאם,
זי ברייננט קיין נוץ, היזקות גאנצע פעק,
פאר דער אמונה גאר א שרעק
און פאר קיסרים הוילע סם;
עס איז דאך א מסיכתא
אין דער גאנץ־וועלטלאכער געשיכטע,
אז זינט ס'איז אנגעקומען די השכלה,

איז אויף די קיסרטומען עפּעס ווי א קללה,
זיי האבן נאכאנאנדער די מפּלה.
בקיצור: די יועצים האבן
באשריבן שוין א בוך א גראבן,
נאר קיין תועלת נישט,
דעם קיסרס מוח בלויז צומישט.
געפינט דער קיסר זיך אן עצה גאר א וואוילע:
ער רופט צונויף אין פּאלאץ אן אסיפה גדולה
פון לאנד=חכמים אן א שעור,
פון איטלאכם ארט די שבעה טובי=העיר,
באשטימט א שכירות זיי א פיינע,
זיי זאלן פּסקענען די שאלה זיינע
נו הויבט זיך אן א חקירה. נאר היות
די געלט=תאוה איז זייער גרויס,
האט דער סנהדרין זיך פארזעסן,
דעם קיסרס קעסט געגעסן
און אן דער שאלה גאר פארגעסן.
דער קיסר אבער איז א שונא
פון הפקר=זיצונגען אזוינע
און האט צולאזן בפרהסיא
די גאנצע סעסיע.
די שאלה בלייבט דערוויל נאך ניט געפּסקנט.
אמאל גייט זיך דער קיסר אויפן פעלד,

אין די מחשבות טיף פֿאַרעסקנט.
דערזעט ער ביי א קלייניגקן געצעלט
זיצט אנגעשפּאַרט אויף אַלטע גרויסע ספרים
א זקן שוואך און בלאַס און ארים.
דער קיסר מאכט מיט איס אַ שמועס
און זאגט: עס מאַטערט מיר א שווערע שאלה,
צי איז השכלה א חיסרון צי א מעלה;
בעט איך דיך, אַלטער, אפשר, זאג, ווייסטו עס?
דער זקן טוט א קנייטש דעם שטערן.
—אדוני מלך, זאגט ער, זיי מיר מוחל,
איך וועל דיר מיט א משלע דערקלערן,
וואס ס'ענטפערט מיר דערויף מיין שכל.
אין הודו איז געווען שוין לאנג
אן אלטער פישער. פלעגט ער מיט גרויס מי
פון פֿאַנג
מפרנס זיין זיך מיט דריי זין. ויהי,
אַז ס'שטאַרבט אוועק דער פֿאַטער,
פֿארטראַכטן זיך די זין,
פון פיש=פֿאַנג ווערן פטור
און זוכן זיך אין ים א גרעסערן געווין.
היות זיי קענען אלע דריי
ארונטערטונקען זיך און שווימען פריי,
וואָלט איטלאכער ארויסקריגן זיך וועלן

פון וואסער פּערל, דימענטן און קרעלן.
נאר ניט אין איטלאכנס מלאכה
איז מזל-ברכה.
געווען איז איינער אפגעלאזן, פויל:
א שאד פארנעצן זיך די פיס!
געמיינט די פאליע וועט געווים,
ארויסווארפן אים פערל גלייך אין מויל,
געמיינט, געווארט—און אלץ געליטן נויט
און דחקות ביזן טויט.
דער אנדערער—א גוטער וואסער-קריכער—
זוכט אוים אן ארט, וואו טיף נאר זיכער,
קריגט דארט די טייערסטע געווינסן
און האט די זיכערסטע פארדינסטן
דער דריטער אבער איז א „אץ להעשיר”.
ער קלערט זיך: אויב שוין קריכן יע אין וואסער,
וואלט איך שוין זיין א בעלן
פון דימענטן און פערל מאכן קאפיטאלן.
צום טיפן קאכעדיגן תהום לאזט ער זיך מונטער
און טונקט זיך פלינק ארונטער.
נאר ווי ער איז אריינגעשפּרונגען
האט אים דער אפגרונט באלד פארשלונגען—
אדוני מלך, די השכלה איז א תהום,
וואס שפייזט די זוכערס פלייסיגע,

פאַרשלינגט די גײַציגע און רײַסיגע
און פֿאַר די פֿוילע האָט זי קוים
א ביסל שוים...

יב. דער פוקס און די טרויבן.

אין סאָד פאַרקריכט א מאָל אַ הונגעריגער פוקס.
ער זעט, עס הייגגען אויבן
געפּאקטע שטייגגלאך טרויבן.
די טרויבן זאפטיגע און ווי קריסטאל גאר גלאַנציג,
דער פּיקסל אָבער—קלײן אין וואוקס.
ער פּרובט זיך צוקריגן צום צווייַגל דאָ צי דאָ:
דאָס אויגל זעט—אין מויל ניטאָ.
אַרומגעדרייט זיך אַ מאָל צוואַנציג,
גייט ער אַוועק און זאָגט: נו מילא,
מ'מיינט די טרויבן זיינען וואוילע
נאָר איך געפין:
זיי זיינען אַלע גרין
און האַרט ווי שטיינער;
פאַרזויערסטו זיי, פאַרדאַרבסטו באַלד די ציינער!

יג. דער האָן און דער פּערל.

צוגראָבנדיג אַ בערגל מיסט,
געפּינט אַ האָן אַ פּערעלע אַ גוטס
און זאָגט: וואָס וואַלגערט עס זיך גלאַט אומזיסט?
ווער האָט דערפון דעם מינדסטן נוץ?
די מענטשן די נאַראָנים,
זיי צאָלן נאָך דערפאַר מיט מזומנים!
איך שעץ נאָר איינס:
אַ גערשטן-קערנדל אַ קליינס.
קיין צירונג איז עס טאַקי ניט,
נאָר ס׳שטילט מיין אַפּעטיט.

יד. דער וואָלף און דער באַטשאַן

דער וואָלף, אַ פרעסער ניט קיין קליינער,
פרעסט שטענדיג פלייש צוזאַמען מיט די ביינער.
דערפאַר האָט זיך געטראָפן איין פרימאָרגן:
אַ וואָלף האָט מיט אַ ביין זיך שיר דערוואָרגן.
ער קען ניט אויסשפייען און ניט צוקייען,
ער קען אַפילו ניט פון וויי טאָג שרייען,
כאָטש נעם בלאָז אויס דעם אָטעם!
נאָר אויף זיין מזל שיקט צו גאָט אים
אַ באָטשאַן, און ער בעט אים אויפן וואונק,
ער זאָל אים טאָן א חסדל אַ שיינעם,
אַרויסשלעפן דעם ביין אים.
דער באָטשאַן רוקט דעם שנאָבל טיף אַריין אין שלונג,
ער טוט אַ צי
און שלעפט אַרויס. נאָכדעם פאַרלאַנגט ער פאַר זיין מי.
—דו לאַכסט עס!—שרייט דער בייזער וואָלף—נאָך ניט גענוג
וואָס דו ביזט גאַנץ אַרויס פון מיינע ציינער?
טאָ זיי זשע קלוג,
אַנטלויף מיט גאַנצע ביינער!
און זאָל אַן אָנגערונג דיר זיין עס:
צום וואָלף ניט קומען מער מיט טענות.

טו. דער שטיין און דער שלאַנג.

נעזען ס'אַ טומל, אַ אַמבאַרעס
ער מאַכט דאָ אַן אין פּעלר!
— זאָגט וועגן רעגנדל אַ פּראָסטער שטיין—
און אונזער עולם וואַרט אויף אים און קוועלט
און מאַכט פאַר אים נאָך וואַרעס.
א קליינינקייט? ער קומט צו גיין
אויף צוויי דריי שעה
און שוין ניטאָ!
און איך ליג דאָ שוין דורות לאַנג
כאָטש טרעט אויף מיר
כאָטש וואַרף מיר אַן אַ שעור
איך בלייב אַלץ צניעותדיג און שטיל—
און ווער זאָגט מיר דערפאַר אַ דאַנק?
— שווייג!—ענטפערט אים אַ שלאַנג—
דער רעגן לעבט ניט לאַנג, נאָר פּייבט און קיל,
באַנעצט ער אונזער ערד מיט פרישן זאַפט,
גיט-די געוויקסן לעבנס-קראַפט
דער פויער מוטיגט זיך און שאַפט,
און דו אַ שטייגער

חאָס קען אונז געבן
דיַין לאַנגער לעבן?
אַז דו ליגסט אייביג ווי אַ פגר!

* * * * * *

JUUDI SOOST ÜLIÖPILASTE ÜHING „HASMONEA"-TARTUS
הסתדרות הסטודנטים
„חשמונאי"
דורפט.

טז. דער עלפאנט און דער מאפּס.

מ'פירט אַ עֶלפאַנט אין די גאַסן
באַווייזן אים פאַר לייַטן.
צום בייזן וואונדער שטופּן זיך די מאַסן
באַקוקן אים פון אַלע זייַטן.
און פּלוצים לויפט אַ מאָפּס דערנעבן.
דעריזען דעם עלפאַנט הויבט ער אָן זיך רייַסן,
ער בילט און קוויטשעט, כאַפּט זיך בייַסן,
כמעט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.
זאָגט אים א הויף־הונט: לאז שוין אָפּ.
פאַרדול זיך ניט קיין קאָפּ!
דו וועסט דאָך הייזעריג באַלד ווערן,
און ער גייט זיך גאַנץ זאַכט,
פאַרטראַכט,
דייַן בילן וויל ער גאָרניט הערן!
נאָר אונזער מאָפּס ווערט ניט פאַרשעמט.
ער ענטפערט: דאָס איז טאַקי, יואָס מיך נעמט:
איך הויב זיך גאָרניט אָן צו שלאָגן
און פאָרט וועט מען מייַן גבורהשאַפט צוטראָגן;
די הינט, וואָס הערן, וועלן זאָגן:

מִיט מאָפּסן טאָר מען זיך נִיט שפּילן,
עֶר קעֶן דאָך אויף א העֶלפֿאַנט בײלן!

יז. דער נייגיריגער.

— גוט מאָרגן, ברודער! וואו ביסטו געווען?
— אין ערמיטאַזש, פֿאַרבראַכט א שעה דריי־פֿיר.
אוי ווײ, וואָס איך האָב דאָרט זיך אָנגעזען!
פֿון גרויס התפעלות, זאָג איך דיר,
בין איך איצט ווי צומישט.
ארומצודערן אַלץ בפרטות,
פֿאַרמאָג איך נאָר קיין כח נישט.
האָב איך געזען דאָרט וואונדערבאַרע נייעס!
ס׳אַ שיינע פֿייגעלאַך און חיות
די וועלט די רייכע האָט עס!
ס׳אַ פֿליגעלאַך, ס׳א זשוקעלאַך,
ס׳אַ בינעלאך, ס׳א מוקעלאַך,
ווי פּערעלאך, ווי קליינע קרעלן בלישטשען זיי
מיט שיינע פאַרבן כלערליי
ס׳א מאָנטשעדינע קיהעלאַך!
פאראן ווי שפּילקע־קעפּלאך בריהעלאך!
— האָסטו געזען דעם עלפֿאנט? הא, ווי זעט ער אויס?
ניט אמת, ווי א באַרג די גרויס?
— וואס, ער איז דארט?—אודאי!—אויף מיין „הן״:
כ׳האב גאר דעם עלפֿאנט ניט דערזען!

יח. דער לייב אויף דער יאגד.

א לייב, א וואלף, א פוקס, א הונט,
זיי זיינען זיך צונויפגעגאנגען
און האבן אפגעמאכט אזא מין בונד:
אז ווער פון זיי וועט עפעס פאנגען,
וועט עס זיין שייך
צו אלע גלייך.
ויהי היום—איך וויים ניט ווי און ווען—
גענומען האט א פוקס א הירש אין פלעץ.
ער קומט די שותפים באלד-דערציילן
און הייסט דעם רויב פאנאנדערטיילן.
די שותפים קומען און ר׳ לייב קומט אויכעט,
שטעלט אן די נעגל ווי אן אלטער שוחט
און זאגט: רבותי, כ׳וועל דעם הירשל שחטן
און טאקי באלד סערווירן.
געקווילעט און צושניטן אים אויף פירן
זאגט ער ארוים א משפט א גערעכטן:
— אט דעם חלק וועל איך פאר זיך באהאלטן;
ווייל וואם ס׳איז אפגערעדט דאס מוז מען האלטן,
אט דעם, ווייל איך בין אייער קיסר;

אט דעֶם, ווייַל איך בּין גלאט א לייַב א גרויסעֶר;
און אט דעֶם חלק וועֶר ס'וועֶט נאר בּאַריִרן,
וועֶט בּאלד דעֶם טעם פון טויט דעֶרשפּיִרן.

יט. דער חזיר.

א חזיר פּרובט א מאל פון הוילער הויט
אין פּריצם הויף פארקריכן
וויַיט צווישן שטאַלן, הינטער קיכן,
ער וואלגערט זיך אין שמוץ און קויט,
ביַים מיסט־קאסטן און אָפּגוס־עמער,
פון דארט ווערט ער ארויסגעיאגט אינגיכן
און קומט צוריק א היַים א „דבר אחר כמה שנאמר״.
א פאסטוך זעט דעם פיַינעם לייַט
און פרעגט: „וואס זאגסטו עפּעס אויפן פּריצם הויף?
מ׳רעדט דאך, דארטן וואלגערט זיך לרב
קריסטאל, ברילִיאנטן, סאמעט, זיַיד!״
דער חזיר ברומט: אי וואס דער עולם בריַיט!
איך האב דארט ניט געזען דעם מינדסטן פּוץ,
אלץ מיסט און קויט און שמוץ,
און דוכט זיך, איך האב מיט מיַין שנוק
דעם הינטער־הויף צוגראבן גאנץ גענוג.

כ. די שעפּסן און די הינט.

א בעל־הגוף האט זיך א מאל באקלערט,
פון וואלף די שעפּסן שטארקער היטן
און האט די צאל פון הינט פארמערט.
איז וואס? די וואלף־סכנה האט געמיטן,
נאר ס'איז פאראן א „ויש־אומרים",
אז ס'זיינען די געטרייע שומרים
אליין אויף שעפּסנפלייש בעלנים,
און כדי צו זעטיגן דעם אפּעטיט
און אויך קיין עוולה ניט באגיין דערמיט,
האט מען זיך קודם אויסדערוויילט א קרבן
און אט אזוי זיין רעכט געטאן אים:
צוערשט די וואָל ארויסגעריסן,
נאכדעם די הויט אראפּגעביסן,
די שעפּסעלע איז שוין אליין געשטארבן,
און זיי האבן געגעסן פון א כשרה.
אזוי האט מען זיך בּיסלאכוויַיז
די סטאדע אויסגעקוילעט איינציגוויַיז
און ניט באַגאנגען קיין עברה.

כא. דער פאַפּירענער שלאַנג.

א אינגל לאזט ארויף א שלאנג.
ער שווימט זיך אויבן אין א לייכטן גאנג
און, בוקנדיג אראפּ, דערזעט ער
א זומער־פערדל צווישן גרינע בלעטער.
— אוי ווייַ, — זאגט ער — ווי ווייַט פון דיר אהער!
איך קלער,
דו וואָלסט געקוואָלן פון פאַרגניגן,
מיט מיר גלייך אויבן דאָ זיך וויגן!..
— געקוואָלן? ניין, ס'אַ שיינער גליק,
צו פליהען אנגעבונדן אויף אַ שטריק!
אָט מיין פלי איז ניט הויך אַפילו,
נאָר כ'פלי וואוהין איך וויל,
בין ניט קיין שפּיל
אין פרעמדע הענט חלילה!

כב. אברהמלס יויך.

— מחותן קרוין, עסט נאָך אַביסעלע!
— א דאַנק, שוין זאַט! — נו מילא איז „אין אונס״,
פֿונדעסטוועגן גיסט אָן אַ שיסעלע!
זייַנט איר אַ מבין אויפֿן יויך,
ווי ער צוגייט געשמאַק אין בויך!
— איך האָב שוין דריַי נעגעסן! — אַי, צו וואָס חשבונות?
אָט עסט אָן טענות,
און צו געזונט זאָל זייַן עס!
זעט נאָר ס׳אַ יויך, ווי פּעמ,
באַשמאָלצן אויבן ווי אַ ברעט!
אָט איז אַ פֿאָלקעלע, אַ שטיקל בייליק,
אָט פֿון פּאָדראָבעקל אַ חלק!
עס היילט דאָך פּשוט די נשמה!
כאַטש נאָך איין לעפֿל! בעט־זשע דו, נחמה! —
אַזוי טראַקטירט אברהמל
זייַן ליבן גאַסט ר׳ ברוך־לעמל
און מאַטערט אים און לאָזט אים ניט צורו.
פֿון יענעם גיסט זיך שווייס אַ טייַך,
נאָר אַז אברהמל בעט איז גאָרניט שייַך,

עֶר רוקט זִיך נאָך א שיִסל צו
און לײַדיִנט אוים. — אָט=אָט, דאָס מײַנט דער פסוק—
שרײַט אוים אברהמל —לעולם תקח און בעֶט נאָך!
דערִיבעֶר זאָג איִך דאָן:
אַ שעֶמעֶוודיגער גאַסט איִז מיִר ניִט דאָסיג!
הכלל, איִר וויִלט מיִר טאָן א נחת=רוח,
נעֶמט נאָך איינס, און איִך לאָז צורו איַיך...
בײַם לעֶצטן וואָרט
שפרִינגט ברוך=לעֶמל אויף פון אָרט
דעֶרשראָקן, אויפגעֶרעֶגט,
עֶר כאַפּט דעֶם שטרײַמל מיִטן אויבעֶר=ראָק
און לויפט אַוועֶק גאָר אָן א גוטן טאָג,
און מעֶר צו זײַן מחותן ניִט פאַרשמעֶקט.

כג. שכּורים.

— אָ, שלום־עליכם אײַך, וואָס מאַכט א איד?
— אַי ברודער פרעגט גאָר ניט!
— וואָס איז אזוינס? וואָס האָט מיט אײַך געטראָפן?
— אוי ביטער, גאָט האָט זיך פארגלוסט מיר שטראָפן,
האָט ער געשיקט אויף מיר אַ פײַער,
און, ווי איר זעט, בין איך געבליבן אָן א דרײַער.
נעכטען איז עס אזוי: אום פורים
האָב איך געסעודהוועט מיט חברה־לײַט שכּורים
איך בין געווען שוין היפּשלאַך בגלופין,
האָט מיך מײַן פלוניתטע ארויסגערופן
און לאָזט מיך ניט צורו,
איך מוז אין שטאַל גײן געבן עסן אונזער קו.
איך גײ און מיט א ליכטל לײַכט איך צו,
און מעשה־שטן פאלט אַרויס די ליכט פון האַנט,
עס צינדט זיך אָן אין שטאַל די וואַנט
און קורץ: מײַן גאנצע נחלה איז אראָפּ,
איך האָב אַפילו ניט וואו אָנשפּאַרן מײַן קאָפּ.
און אײַך ווי גײט עס הײַנט?
— אויף קוליעס, ליבער פרײַנד!

אָט ווי איר זעט, שוין אָן אַ פּוס!
געזונט פון קינדווייז ווי אַ נוס,
דאַרף מיר זיך טרעפֿן, אויך אַ פורים־נאכט,
האָב איך מיט חברה־לייט פֿאַרבראַכט
און ווי אויף הייסע שטיינער האַלט מען אין איין גיסן.
דערמאָן איך זיך, מ׳דאַרף דעם שטאַל פאַרשליסן.
איך גיי אַהינצו גיכער,
און כדי צו זיין פֿון פייער זיכער,
נעם איך ניט מיט קיין ליכט.
דערווייל בין איך גאָר אומגעריכט
אין פינסטערניש צום קעלער צוגעקראָכן
אריינגעפאַלן און די פוס צוגבראָכן;
פון דאַמאָלס האָב איך אָנגעהויבן קוליען.
דעם שמועס הערנדיג, זאָגט זיי אַ דריטער:
— יע, אויב איר ווען רק שכורן און הוליען,
איז אין דער פינסטער אייך אודאי ביטער,
נאָר אויך די ליכט איז אייך אַ קנאַפּער היטער!

כד. דער פּרוש און דער בער.

אַ טובה אין אַ צרה איז גאַנץ נויטיג,
נאָר דווקא פון אַ קלוגן גוטן פריינד;
אַז ניט האָט מען דערפון בלויז צער און ווייטאָג:
אַ נאַרישער בעל־טובה איז דער ערגסטער פיינד!

געווען אַ מאָל אַ מענטש אָן ווייב און קינד
אָן הויזגעזינד,
האָט ער זיך אויסגעקוקט
אַן אָרט גאַנץ ווייט,
פון שטאָט און מענטשן אָן אַ זייט
און האָט זיך דאָרט פאַררוקט.
התבודדות—אַ קלינגענדיגע פראַזע,
נאָר ניט קיין שטאַרקע עולם־הזה.
איר פרעגט: און גרינע לאָנקעס, סודותדיגע בוימען
און בערגלאַך, טייכלאַך, שטילע טרוימען?
אַודאי שמעקט אַ גרעזעלע אַ פרישעס
און פאָרט ווערט מיאוס שטענדיג זיין בפרישות.
און אונזער פרוש שלעפט זיך אויך אַרומעט
אין טיפן אומעט,

דער רעיון גייט אים ניט אַרויס פֿון זינען:
מיט וועמען קען מען חבר ווערן?
ס'שטיינס געזאָגט: ווער קען זיך דאָ געפינען?
מסתמא וועלף צי בערן,
האָט ער געטראָפֿן טאַקי פּונקט אַ בער.
אין תחילת קריגט דער פּרוש מורא
און פּרובט זיך אויסדרייען אַהין-אַהער,
נאָר יענער קומט אַלץ נענטער,
דערקענט ער,
אַז ס'איז „אין ברירה",
אָט-אָט, עס ווערט שוין שמאָל אים,
איז ער דעם בער מכבד מיט אַ ברייטן שלום,
זיי דריקן זיך די הענט
און ווערן באַלד באַקענט
אינגיכן שוין גאָר נאָנטע מחותנים.
עס איז דעם פּרוש-שווער
ניט בלויז זיך שיידן פֿונם בער,
אַפֿילו רירן קען ער זיך ניט אָן אים.
צי האָבן זיי גערעדט? אויף וואָסער שפּראַך?
געזאָגט זיך חבֿמהלאַך, דערציילט זיך מעשהלאַך?
דער פּרוש רעדט בכלל קיין סך,
דער בער—אַודאַי אַ מאַרוק,
גענוג:

זײ לעבן זײער גוט
און טאָמער זעט מען זיך ניט אײן מינוט,
האָט מען שוין פּשוט ניט גערוט.
אַמאָל פאַלט די חברים אײַן אַ רעיון
זיך מאַכן אַ שפּאַציר אין פעלד- און פרײַען.
עס שײַנט די זון, די װינטלאַך בלאָזן,
פאַרװאָס-זשע זיך ניט לאָזן
שפּאַצירן צװישן בלומער, בלומען, גראָזן?
מ'גײט. דערװײַל װערט זײער הײס,
דער פרוש גיסט זיך אָפּ מיט שװײס.
דער בער, נאָך פריש און מונטער,
זעט, װי זײַן חבר זיפּצט שוין אונטער,
זאָגט ער צו אים: אָט װײסטו װאָס?
דו לײג זיך צו אַביסל אױפן גראָז
דאָ אונטערן פרײַען הימל
און כאַפּ אױף אַ מינוט אַ דרימל,
און איך װעל זיצן דאָ דערנעבן
אױף דיר השגחה געבן.
דער חבר פאָלגט אים, לײגט זיך צו
און װערט פאַרזונקען באַלד אין טיפער רו.
דער בער זיצט נעבן אים און היט
און װערט ניט מיד.
ער טוט אַ בליק:

אַ פליג

זיצט בײַ זײַ חבר אויפן נאָז.
ער שטעלט זיך אויף, דערלאַנגט אַ בלאָז,
פאַרטרײַבט דעם אומגעבעטענעם פאַרשוין.
אַ ווײַל אַרום—די פליג שטייט אויפן שטערן שוין.
פון דאָרט פאַרטריבן,
האָט זי זיך אויפן באַק פאַרקליבן,
און ווידער אויפן נאָז און אויפן שטערן—
דעם שומר וויל זי גאָרניט הערן.
דער בער ווערט ברוגז:
אַזוי, מײַן שוועסטערקע, טאָ וואָס=זשע טויג עס?
וואַרט וואַרט, דו וועסט שוין באַלד דערשפירן,
ווי מיט אַ בער צו=להכעיס פירן!
ער זוכט זיך אויס אַ גרויסן שטיין
און זעצט זיך, וואַרטנדיג, בײַם זײַט.
דערזען די פליג בײַם חבר אויפן שטערן שטיין,
הויבט ער זיך אויף און שרײַט:
טאָ שטאַרב, און זײַ ניט מער פאַרשײַט!—
און טוט אַוואָרף דעם שטיין מיט אַזאַ כח,
אַז ער צושפּאַלט דעם חברס מח.

כה. דער בער ביי די בינען.

מ׳האָט אַ מאָל באַשטימט אַ בער
פֿאַר אַ משגיח אויף בינשטאָקעס.
איז דאָך אַ קלער:
פֿאַר וואָסער זכיות אָדער צדקות?
צי איז אין וואַלד ניטאָ שוין ווער
מער צוגעפּאַסט ווי ער?
היינט גיי פֿרעג קשיות אויף די חיות:
פאַרוואָרפֿן אַלעמענס שתדלנות
און עפּעס גראָד ווי אויף ליצנות
באַשטימט דעם בער אָן שום הוויות,
פֿאַרלאָזן זיך אויף זיין נאמנות.
האָט בערל טאַקי אָן רחמנות
און אָן חרטות
אַרומגערייניגט אלע סאָטעס.
אין וואַלד
ווערט אַ געוואַלד,
מ׳זעצט אַוועק דיינים,
דעם בער פאַרמשפּט און זיין רעכט גענומען אים.
געגעבן פֿון זיין שטעל אַ פּטור

פֿאַרשׂיקט אִים אִין דעֶר הײַם,
עֶר זאָל אִין שוים פֿון דעֶר נאַטור
זײַן חטא באַדויערן געהײַם.
נאָר בעֶרל מאַכט דעֶרפֿון אַ קנאַפּן ליאַרים,
אִין נאָרעֶ אִיז אִים װײַך און װאַרים,
עֶר זוינט פֿון לאַפּעֶ האָניג, װאַרטנדיג פֿון װײַטן—
בִּיז ס׳קומעֶן גליקלאַכערעֶ צײַטן.
און עֶר װעֶט װידעֶר חן געפִינעֶן,
צו װעֶרן אַ משגיח איבעֶר בינעֶן...

כו. די טייכל.

ביים טייכל זיצט אַ פּאַסטוכל אין זאָרג פאַרזונקען
און זינגט אַ לידל א באַטריבטע:
זיין שעפּסעלע די הייס־געליבטע
האָט זיך אין נאָנטן גרויסן טייך דערטרונקען.
די טייכל הערט און מורמלט שוואַך:
„ס'אַ טייך אַ פּרעסערקע! וואָלט זי, ווי איך, זיין פלאַך,
און דורכזיכטיג פאַר אַלעמען אין קלאָר,
און איטלאכער וואָלט ביזן רעק געקוקט,
געזען די עוולות אַלינקע פון האָר ביז גאָר,
איך מיין: זי וואָלט פאר חרפה זיך אין ד'ר ערד פאַררוקט!..
אז איך וואָלט זיין אין וואסער רייך.
ווי יענע טייך,
וואָלט איך גאָר אנדערש זיך געפירט:
כ'וואָלט די נאַטור ארום באצירט,
א הינדעלע א קליינס ניט אָנגערירט,
כ'וואָלט פליסן רוהיג שטיל
און לופטיג־קיל
פארביי די שטיבעלאך און קוסטעלאך און בייטן
און אין די טאָלן זאפטיגקייט פאַרשפרייטן,

נִיט רִירנדִיג קַײן בּלֶעטעֶלאך און קוויַיטן,
און אִיטלאַכעֶר וואָלט מִיךְ בּאלײַטן
מִיט בּרכות און מִיט דאַנק
אויף מײַן געֶבּעֶנטשטן וואוילטעֶטִיגן גאנג".
דִי טײַכל רעֶדט אָן פּניות און מִיט חשיבות;
נאָר ס'גײַט אוועֶק א וואָך צוויי־דרײַ,
שווימט אויבּן דאָרט א וואָלקנדל פּארבּײַ,
צוגִיסט זִיךְ אִין א גרויסן רעֶגן,
פּארפּלײַצט דִי פּעֶלדעֶר און דִי וועֶגן,
און אונזעֶר טײַכעֶלעֶ וואקסט פּלוצים אוים
ווי יעֶנעֶ טײַך דִי גרוים.
וואו אִיז אִיר צדקות און עניוות?
פון בּײַדעֶ בּרעֶגעֶם רײַסט זִי זִיךְ ארִיבּעֶר
און זִידט און בּרויזט און ועֶצט מִיט שוים
אִין אלעֶ טאָלן, ראָזון, גרִיבּעֶר,
וואו נאָר א קוסט, א בּלום, א בּוים,
אלץ פּלאצט און בּרעֶכט און וועֶרט פארשוואומעֶן.
אפִילו אונזעֶר פּאַסטוכל, וואָ האָט פון אִיר
געֶהעֶרט תנחומִים אָן א שעור
אִיז אויך אִין אִירעֶ פּאליעֶס אומגעֶקומעֶן.

——

פאראן אזוינעֶ טײַכעֶלאך א סך:
זײ זײַנעֶן עֶרלאך ווײַל זײ זײַנעֶן שוואך.

כז. די אַפּיקורסים.

פֿאַרצײַטן האָט אַ פֿאָלק
פֿאַרפֿירט מיט גאָט אין הימל אַ מחלוקת,
אַמאַי ער פירט זײַן וועלט אָן טאָלק,
און אַלץ איז פֿול מיט ספקות, קשיות און מיט תיקו׳ס.
עס ווערט אין פֿאָלק אַ ווילדע מרדות,
די אַפּיקורסים גורטן אָן די לענדן,
דעם מנהיג־עולם צו פֿאַרלענדן.
עס קלײַבן זיך צונויף די גוואַרדיעס
מיט שטײנער, כּויגנס און מיט פֿײַלן,
און אַלע יאָגן זיך און אײַלן
צום באַרג דעם נאָנטן,
פֿון דאָרטן טרעפֿן אין די האָריזאָנטן
אין גלײַך אין כּסא־כּבוד שיסן.
עס ווערט אַ רעש אין דער אויבערשטער פּמליא,
מלאכים קאָכן זיך און ווילן וויסן:
מיט וואָס וועט ער די עצה מאַכן קאַליע,
מיט וואָסער שטראָף
צו דער הפקרות מאַכן גיך אַ סוף:
אַ מבול, דונער, צי אַ שׂרפֿה,

א ערד־ציטערניש, אפשר א מגפה?
און זאל זיך ניט דערוועגן קיינער,
אקעגן גאט ארויסטרעטן מיט שטיינער.
— ווארט אויף,—זאגט גאט—נאר מיט געדולד!
אויב ס׳ווערט ניט שטילער די מרידה,
וועל איך זיי משפטן לויט זייער מידה!...
און אט... מיט מענטשן ווערט דער טאל פארפולט,
עס ליארימט, ברויזט די ווילדע אומה,
זלזולים, קללות, א מהומה,
וואס ווייטער,
אלץ ווילדער און פארשייטער,
און ס׳פליט א כמארע פיילן און א וואלקן שטיינער.
אלץ העכער־העכער אין דער לופט דער ריינער,
און אלע שטורמענען דעם בורא
אן בושה און אן מורא.
נאר זע, אלץ פאלט צוריק אראפ
אויף איטלאכס קאפ.
אזוי איז אונזער דור־הפלגה
באשטראפט געווא־ן דורך זיין איינענער הנהגה.

כח. דער פאַסטוך און די מוק.

א פּאַסטוך ליגט אין טיפן שלאָף
אין שאָטן צווישן בוימער,
פארלאזנדיג די שאָף
אויף דעם געטרייען הונט, זיין שומר,
א שלאנג דערזעט אים, טוט זי זיך א רוק
און מיט איר גיפט וואלט זי געטראפן אים געוויס.
פליט צו א קליינע מוק,
וועקט אויף דעם פאסטוך מיט א שארפן ביס.
דער פאסטוך האט די שלאנג פארטריבן,
נאר פריהער נאך, פון שלאף, די מוק צוריבן.

——

עס טרעפט גאנץ אפט:
דער עולם שלאפט,
און א סכנה רוקט זיך צו,
קומט איינער וועקט אים אויף.
צוקוועטשט דער עולם באלד דערויף
דעם וועקער, וואס שטערט אים די רו.

כט. דער פוקס.

אין ווינטער־צייט, פארטאג, אין גרויסן פראָסט,
שטייט זיך א פוקס ביים דערפל נעבן לאָנקע
און טרינקט אין טייכל פון פּאָלאָנקע,
דעם עק אין וואסער טיף אריינגעלאזט.
דער עק פארנעצט זיך בּיסלאַבּוויַיז
און פרירט זיך צו צום אייז.
נו מילא,
פאראן אן עצהלע א וואוילע:
ניט זשאלעווען א ביסל האָר,
א ריס דעם עק—און גאָר.
דעם פוקס נעמט אָבער אָן א שרעק:
סטייטש אזא הארינן געדיכטן עק,
וואָס גלאנצט אזוי אין גאלדענע קאלירן,
נעם פלוצים איבערפירן!
און גלאַט, למאַי זיך יאָגן?
ביז ס'הויבט נאָך אָן צו טאָגן,
קען פּלאַצן גאָר דער פראָסט.
ער וואַרט: דערווייל ווערט גרויסער טאָג,
מ'ירירט זיך שוין אין דאָרף.

דעם פוקס איז אָך אוּן קלאָג!
ער פּרוּבט זיך מיט געוואַלד: אַ ציִ, אַ ריס, אַ וואָרף.
אומזיסט, דער איז האַלט ווי מיט צוואַנגען.
איז נאָך אַ שעה פאַרגאַנגען,
עס ווערט אין דאָרף שוין אַ געֶרודער...
דערזעט דער פוקס, אַ וואָלף לויפט גיך פאַרביי.
„אוי—שרייט ער—זעסט מיין צרה, ברודער?
געפין אַן עצה, מאַך מיך פריי!"
דער וואָלף קריגט אויפן פוקס רחמנות
און שוין געטאָן עס:
געצופּט דעם ווידל און געביסן
און אים אין גאַנצן אָפּגעריסן.
דעם חברל באַפרייט ער
און ביידע לויפן ווייטער.
און אונזער פוקס איז גרייט צו גיין אַ טאַנץ:
כאָטש אָן אַן עק, אַבי די פעל איז גאַנץ.

דער מוסר, דוכט זיך, ליגט ביים וועג:
ווען אונזער פיקסל גיט אַ ביסל האָר אַ וועק,
וואָלט ער געבליבן מיטן גאַנצן עק.

ל׳. דער דעמב און דער אַאיר.

דער דעמב פאַרשמועסט זיך אַ מאָל מיט דעם אַאיר.
—דו מעגסט מיר גלויבן—זאָגט ער—בנאמנות,
ס׳איז פשוט מיר אויף דיר
אַ ביטערער רחמנות:
דו ביכט דאָך דין און שוואַך סכנות!
די קלענסטע פויגעלע זאָל דיך באַרירן,
דער גרינגסטער ווינטעלע זאָל זיך אַדורכשפּאַצירן,
מוזטו זיך, נעבאַכל, אין דרייען בוקן,
אַז ס׳איז אַ צער אויף דיר צו קוקן.
און איך שטיי הויך און ברייט און שטאַרק,
גלייַך ווי אַ גרויסער, שטאָלצער באַרג;
איך לאָז ניט דורך די שטראַלן פון דער זון,
און ווען די גרעסטע שטורעם=ווינטן
באַפאַלן מיר פון פאָרנט צי פון הינטן,
בלייַב איך שטיין פעסט און לאַך דערפון.
ווען דו וואָלסט מייַנער זייַן אַ שכן,
באַשיצט דורך מייַנע גרויסע צווייַגן,
וואָלסטו כאָטש דאַמאָלסט ניט געהאַט צו דאגען:
דו וואָלסט געלעבט מיט דעם בטחון,

אַז איך װעל זײַן דײַן רעטער
אין ערגסטן װעטער;
האָט די נאַטור אױסגעשטעלט גאָר אײַך
בײַם פרײַען ברעג פון ברײטן טײַך,
געװיס איז עס פון איר ניט גלײַך!—
—דו ביזט משמעות, אַ רך־לב א גרױסער—
זאָגט דער אַאיר— אין נעמסט זיך אָן נאָר פאַרן יושר;
און פאָרט מוז איך דיר זאָגן:
מײַן מזל איז מיר ניט שװער צו פאַרטראָגן,
אַנטקעגן שטורעם האָב איך אײן בטחון:
אָט װײַל איך בײג זיך װער איך ניט צובראָכן,
און אויב איך שרעק זיך, איז עס נאָר דערפאַר,
װײַל דו שטײסט אין געפאַר.
ס'איז אמת, אַז ביז הײַנט
ביסטו געשטאַנען װי אַ פעסטער טורעם
בײַ יעדן װילדן שטורעם,
נאָר װאָס װעט זײַן דער סוף, מײַן פרײַנד!—
קוים ענדיגט דער אַאיר די רייד,
און זע: פון צפון־זײַט אַ בײזער שטורעם גײט
מיט האָגל און מיט רעגן־װעטער;
ער בײגט די צװײַגן, פליקט די בלעטער,
ער װילדעװעט און ברױזט און קערט די װעלט.
עס בוקט זיך דער אַאיר, דער רעמב שטײט װי אַ העלד.

דעֶר ווִינט ווערט שטאַרקעֶר, ווִילרעֶר
און רײַסט און בּרעֶכט מִיט שרעֶקלאַכן געֶפּילדעֶר,
עֶר מִישט צוזאַמעֶן הִימל־עֶרד,
אַז ס׳דוכט זִיך: בּאַלד ווערט אַ״ץ צושטעֶרט.
און פּלוצים—טראַך!—דעֶר ווִינט קעֶרט אִיבּעֶר
דעֶם גרויסן, שטאַרקן, שטאָלצן גבור,
וואָס האָט דעֶרגרײַכט די הִימלעֶן מִיט זײַן קאָפּ
און מִיט די קנעֶכל בּיז אָפּגרונט טִיף אַראָפּ.

— — — — — — — — — — —

און אַז ס׳ווערט שטִיל אִין אַוִיר
שטײַט דעֶר אַאִיר, בּאַקלאָגט זײַן חבר.

לא. די זשאבעס, וואס בעטן א קיסר.

דִי זשאַבעס האָבן זיך באַטראַכט,
אַז זייער פֿאָלקס־ממשלה קראַכט,
ווייל ס׳פֿעלט א מושל אַ געניטער.
איז מען אַוועק מיט א בקשה צום יופּיטער
ער זאָל זיי שיקן אַ געביטער,
וואָס זאָל באַהערשן זייער זומפּעדיגן טאָל.
יופּיטער קען אפילו שוין די טענות פּוסטע
פון אַט די קוואַקערס די באַוואוסטע,
נאָר הײַנטיגס מאָל
איז עס אים עפּעס וואויל געפֿעלן,
דעם זשאַבע־פֿאָלק צופֿרידן שטעלן.
און ניט געזאַמט שיקט ער א קיסר זיי אַראָפּ.
אַט פֿליט פֿון אויבן גלייך אויף זייער קאָפּ
דער מושל מיט גרויס טומלעניש און רעש,
באַזעצט זיך ברייט אויף זײַן מלוכה,
אַז ס׳ווערט צוטרייסלט אַזש
דער גאַנצער זומפּ פֿון זײַן מנוחה.
דער זשאַבע־פֿאָלק האָט זיך פֿאַררוקט
אין בלאָטע טיף און קוקט

פֿאַרגנבעֶט מיט גרויס נייַגיִר
אויף דיֶב פֿון גאָט געֶשייַנקטן אָדון.
אָט זיִצט עֶר גרויס און גראָב און טעֶמפּ
איִן טיִפֿן זומפּ און שלאַם,
א פֿאַרמחשבהטעֶר סאָליִדעֶר שווייַגעֶר,
קייַן ריִר, קייַן וואָרט, ווי אָנגעֶלאָדן—
איִר ווייסט דעֶם טעם?—
ווייַל דאָס איִז בלויז א קלאָין אַ גראָבעֶר פֿון א דעֶמב.
דיִ אונטעֶרטאנעֶן האָבן תּהילת דרן=ארץ
פאר זייַן מאוימדיִגעֶר גרויס און גרעֶב,
נאָר ביִסלאַכווייַז פּרוביִרט זיִך וואו א קלייַנעֶר שרץ,
צום קיסר צורוקן זיִך נעֶנטעֶר,
דעֶר צווייַטעֶר איִז שוין א באַקעֶנטעֶר,
און צו דיִ בייַדעֶ
קומט זיך צונויף א גאנצעֶ עדה,
און אַלעֶ שאָקלעֶן מיִט די קעֶפּ:
וויִ קעֶן געֶמאָלט זייַן גאר אַזאַ מיִן פאַל:
א קיסר אָן א גאַל!
נאָר, מילא, אז דעֶר עולם זעֶט,
דעֶר קיסר האַלט גאר קנאפּ פֿון עֶטיִקעֶט,
געֶפֿייִנט זיך שוין א שרצל א בראווע,
וואס מאַכט מיִט יעֶנעֶם חבר=לאווע
און קריִכט ארויף אים אויפן קאפּ,

נאכדעם צוריק א שפרונג אראפ
און רופט צונויף די גאנצענע חבריא,
און ס׳ווערט א קריכעניש א פרייע
ארום דעם אדון און אויף אים.
דער קיסר טוט זיך ניט קיין קרים.
און ס׳גייט א טאנץ א הייסער
אויף דעם פון גאט געבענטשטן קיסר.
אוועקגעטאנצט א דריי מעת־לעת,
באטראכט מען זיך, אז עס
איז גאר פאר זיי א קנאפער פלאן,
א קיסר אט אזא באלוואן.
און ווידער לויפט מען צו יופיטער מיט געדודער
ער מוז דעם זשאבע פאלק באגליקן
און שיקן
א קיסר עפעס א מהודר.
דער עולם ווערט צוואַרימט שטארק,
יופיטער קען דעם טומל ניט פארטראגן,
שיקט ער זיי אויפן קארק,
א קיסר הויך און שלאנק
און איידל,
א שנאבל שארף און לאנג,
א קורץ־פארריסן וויידל
און אינעווייניג אויך א מאגן.

א באטשאן איז עס פון די נאנטע בלאמעס.
אט דעם פאצעביש-עלעגאנטן עוף האט גאט עס
צ ם מושל פון די זשאבעס אויסדערוויילט.
מיט גרויס פאראד און פייערלאכקייט פליט ער,
דער נייער הערשער אין געביטער;
אין גאנצן זשאבע-פאלק גייט דורך א ציטער,
איין קוואקערקע דער אנדערער דערציילט
פון נייעם קיבר פלאי-פלאים,
אז ער איז גאר אן אמתדיגער שטרייגער דיין,
דערלאזט ניט קיין שום זינד און שווינדלערייען,
איין פסק האט ער פאר בלערליי רשעים:
א פיק, א שלונג און איין בהרף-עין.
און זינדיג איז ביי אים יעטווידער זשאבע,
סיי קליינע, גרויסע; אדרבא:
קיין שטאנדן-אונטערשייד, אלין פוסט און נישטיג,
דער עיקר נאר, ווער ס'טויג אים אויף א פרישטיק.
פון דאמאלס אן איז ביי די זשאבעס
געווארן גאר שווארץ-שבת.
דער קיסר האלט נאר אין איין ואנדערן
פון איין עק זומפ צום אנדערן,
ער זוכט חטאים צווישן פאלק,
פארמשפט איטלאכן אן טאלק
און איז אליין דעם פסק מקיים

כאָטש גײ שרײַ „חי וקיים!"
אוועק א צײַט, אין זומפּ ווערט פּוסטער,
די זשאַבעס קרעכצן פֿונם קיסרס יאָך,
אויב ווײַטער גײט אזוי איז ביטער;
ניִשמער, געבליבן נאָך
דער מיטל דער באוואוּסטער:
אוועקגײן מיט א „יעלה" צו יופּיטער.
„אָ גאָט, דו הארציגער און גרויסער,
שיק אונז אַן אנדער קיסר,
אניט ווערט איפּן שטעל
פון אונזער גאנצן זומפּ א תל.
ש.ק. גאָטעני, אונז איטלאכס שטראָף:
די ברענענדיגע היצן און זאסוכעס,
די הארטכטע פרעסט און זאווערוכעס,
די סאַמע ווילדע בלאָטעדיגע רוחות,—
אַבי צום באָטשאַנס שליטה מאַך אַ סוף!"
יופּיטער אָבער ענטפערט מיט אַ שמײכל:
— אזוי, אָט איצט געקומען שוין צום שכל?
פאַר וואָס זשע
האָט איר געהאַט די העזה,
זיך אײַנעסן און טרענען מיר די אָדערן,
א קיסר דווקא פאָדערן?
און אויב דער ערשטער איז געווען א חלוש,

אִיז אײַעֶר גאַנצעֶר זומפּ פון הקדש בּיִזן פּאָלוש,
געֶלאָפֿן אַלײן מיִט פֿרישעְ קװאַקעֶניִש און יעלות:
א קיסר זאָל אײַך זײַן מיִט אלעֶ מעלות?
איִך האָבּ געֶפּאָלגט, דעֶם קיסר אײַך פאַרבּיִטן,
און איִצטעֶר-קװאַקעֶט איִר שױן פֿון א דריִטן;
נײַן, הײַנט פאַרנעֶם איִך שױן ניִט אײַעֶר תּפילה,
און װיִסן זאָל די גאַנצעֶ זשאַבּיִשעֶ קהילה:
ניִט בּעֶטן אױף אַ שררה קײַן מפּלה,
װײַל ס׳קעֶן נאָך זײַן אַ עֶרגעֶרעֶ ממשלה.

לב. דער מגיד.

עס שטייט א מגיד אויפן בימה
און האלט א פייערדיגע דרשה,
צוגלידערט קינסטלעריש דעם מענשן, עפר־רימה,
און קנוטעיועט און פאסעוועט דעם רשע.
עס שפריצן פונקען פון זיין מויל,
יעטווידערווארט א ברענענדיגער קויל.
פון זיינע רייד גייט דורך א ציטער אין די לייבער,
עס וויינען ניט בלויז גאטספארכטיגע ווייבער,
אויך מאנכלייט קענען לאנג מיט זיך ניט קעמפן
עס שפארט אין האלז א טיפער קרעמפן
און א געוויין ברעכט פלוציים אויס
אין שול ווי זי איז גרויס.
און נאך דער דרשה בלייבן אלע שטיין
און חידושן זיך אויף דער מתנת־אלוקים.
—ס'א מעכטיג־דונערדיגע שטים!—
—יעטווידער משלע ווי פערלדיג און שיין!—
—א הארץ א שטיין אפילו קען צוריסן ווערן!—
—ווי דורך א כשוף ברעכן אויס די טרערן!—
נאר איינער שטייט אין ווינקל

און—מיטן אויג קײַן פֿינקל.

א שכן זאָגט צו אים: וואָס איז מיט אײַך דער מער?

מ׳זעט אויף אײַער אויג דאָך קײַן שום טרער!

צי איז דער דרוש פאר אײַער מוח שווער?

—די דרשה—ענטפֿערט ער—פֿארשטײ איך יע אפֿילו

נאָר ווײַנען נאָר? איך בין דאָך ניט פֿון דער קהלה!

לג. דער אדלער און די שפּין.

בײַם הויכן באַרג אין לופטן־רויִם
פליט, שוועבנדיג, אַן אָדלער, ווי א פּערד,
באַזעצט זיך אויף אן אלטן צעדער
דאָרט איבערן שווינדלדיגן תהום.
און ס׳האָט פאר אים זיך פריַי אנטפלעקט
א ברייטע וועלט ארום ווייט־ווייט,
מיט תבואות, גראָזן, בלומען פּול באַדעקט,
באַזוימט מיט וועלדער פון יעטווידער זייט.
אָט זעט ער פון א הויכן באַרג דעם קאַם
אין אָט די ברויזענדיגע פאליע פונם ים.
—איך דאַנק דיר, גאט, וואס דו האסט מיר געגעבן
דעם כח פריַי צו שוועבן
דערגרייכן ביז אזעלכע הויכע ווייטע תחומען,
וואו ס׳איז נאך קיין באַשעפעניש געקומען.
אזוי זאגט אפ דער אדלער גאט זיין שבח.
—אַי, דו בעל־גאוה! ׳ס עבסט אין טעות געבאַך!
זאגט פון דער הויך א שפּין אים.
צי זיץ איך דא ניט העכער נאך פאררוקט?
דער אדלער קוקט:

פון וואנען נעמט זיך דא דער לץ?
יע, אויף א צווייג א גרינעם
זיצט האפערדיג א שפין אין נעץ,
ווי זי וואלט וועלן
דעם זון=שטראל אים פארשטעלן.
—ווי קומסטו דא?—שרייט אוים דער אדלער צו זיין שכן—,
די גרעסטע פליהערס קענען זיך דאך ניט דערוועגן,
באזוכן אט די הויכע הימל=וועגן,
און דו, אן פליגלען—אפשר גאר דערקראכן?—
—נו, דאס וואלט זיין פאר מיר אביסל שווער.—
—טא ווי זשע קומסטו פארט אהער?—
—איך האב זיך אנגעהאנגען אן דיין עק
און בעט דיך, מער ניט זיין ביי זיך פארריסן,
ווייל איך... דא האט א שטורעם פלוצים זיך דערהויבן
און האט דער שפין פון אויבן
אין אפגרונט טיף אראפגעשמיסן.

לד. דער וואלף און דער פוקס.

אויף געבן זיינען מיר ניט-פויל,
ווען ס'רינט אונז שוין פון מויל.
כדי ניט ווייזן אייך דעם אמת נאַקעט־הויל
דערציילן מיר אַ משלע אַ נייעם.

———————

אַ פּיקסל האָט זיך אָנגעפּרעסן מיט אַן עוף,
באַהאַלטן זיך אויף שפּעטער די שירייִם,
און לייגט זיך צו בײַם סטאָג אויף מיטאָג־שלאָף.
ערשט ס'גייט אַ הונגעריגער וואָלף אין געסט.
„אוי, ברודערל, זאָגט ער, ס'איז ביטער,
אין ערגעץ ניט געפּאַקט קיין ביס!
עס שלאָפן ניט די הינט, דער פּאַסטוך—אַ געניטער
דער הונגער נאָגט און פרעסט.
כאָטש נעם צי אויס די פיס!
וואָס רעדסטו?—אויף נאמנות!—ווינד איז מיר און ווײַ!
אוי, טײַערינקער, ווילסט אפשר אַ ביסל היי?
אָט איז אַ פולער סטאָג!
אָך, גערן דין איך דיר מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג!
דעם טײַערינקן אָבער

שמעֶקט ניִט קײַן הײ און ניִט קײַן האָבּעֶר.
עֶר וואָלט זיִך וועֶלן מאַכן פֿלײשיִג,
נאָר פֿון זאַפּאַס דעֶרצײלן האָט דעֶר פוּקס קײַן חשק.
און אונזעֶר וועֶלוול, נעֶבּאַך, גײט אַוועֶק:
זיִך אָנגעֶהעֶרט מיִט חניפֿות גאַנצעֶ פּעֶק,
נאָר עֶסן ניִט אַ לעֶק.

לה. א פוקס אן ארכיטעקטאָר.

עס האָט אַמאָל אַ לייב אַ הינער־הויף געהאַט.
געווען אויף האָדעווען אַ גרויסער בעלן.
נאָר צי ס'האָט אַן עין־הרע זיי געשאַדט,
צי אָפּגעגנבעט אָדער סתם פאַרפאַלן,—
עס ווערט די צאָל פון זיינע הינער
פון טאָג צו טאָג אַלץ מינער.
דעם לייב פאַרדריסט דער ענין,
באַפוילט ער אויסבויען פאַר זיי אַ בנין,
פאַרזען אים מיט אַ פאַרקאַן,
אַ הויכן און אַ שטאַרקן,
אַז ס'זאָל קיין גנב ניט פאַרקריכן.
איז צווישן זיינע מיניסטאָרן
אַ גרויסע טומלעניש געוואָרן:
מ'זוכט אַ גוטן אַרכיטעקטאָר.
אַ פיקסל דרייט זיך דאָ־ט אַרום, דערשמעקט ער
אַ פעטן ביינדל אָפּלעקן איננגיכן.
האָט ער באַלד אַ בקשה אָנגעשריבן,
דערצו אין הויף זיך אומעטום געריבן,
וואו אַ חניפהלע און וואו אַ מתנת־יד

און—אָנגענומען דעם פּאָדריאַד.
אַוועקגעאַרבעט אַ טאָג דרײַסיג
מיט טיפער חכמה זייער פלײַסיג,—
דער בנין שטייט מיט אַלע פּרטים און דקדוקים.
עס קומט קאָמיסיע, טוט אַ קוק אים,
געפינט דעם פּאַרקאַן מיטן גאַנצן הויף
על צד היותר טוב.
עס בלישטשען און עס פינקלען,
ניי אויסגעצאַצקעט ווי פון נעדעלע,
די אַלע קאָנטעלאַך און ווינקלען,
דער קאָטוך און די שעדעלע,
דער צוים, די גראַטעס:
געמאַכט האָט פּיקסל ווי אַ כוואַט עס!
עס פּראַזוועט אונזער לייב „חנוכת־הבית",
דער עולם איז זיך שטאַרק משמח.
אויף מאָרגן פרי—אַ גײַס:
עס פעלן ווידער הינדעלאַך אַ פּאָר.
די מיניסטאָרן ברעכן זיך דעם מוח:
סטײַטש, אין געבײַ אַרײַנגעלייגט אַזוי פיל כח,
און נאַ דיר ווידער א גנבה גאָר!
עס ווערט דער לייב א אויפגערעגטער,
ער שטעלט א שומר אויף דער וואַך,
ער זאָל אים אויספאָרשן די זאַך,

דעֶר שומר היִט, דעֶרהיִט; טרעֶפט װעֶמעֶן=זשעֶ אַנטפלעֶקט עֶר?
אָט טאַקי אונזעֶר פֿוקס דעֶם אַרכיִטעֶקטאָר.
געֶכאַכט האָט עֶר פֿאַר עופֿות אַ געֶצעֶלטל,
פֿון כלעֶרליי גנבים אָפּגעֶהיִט,
װי עֶר איִז איִנם ענין שטאַרק געֶניִט,—
ניִשמעֶר פֿאַר זיִך אַליין געֶלאָזט אַ שפּעֶלטל.

לו. דער האָפּן

אין גאָרטן איז דער האָפּן אויפגעגאַנגען,
אַרום אַ דאַרער טיטשקעלע זיך אָנגעהאַנגען
און זעט: עס שטייט
אַ יונגער דעמבל הינטן נעבן פּליט.
הויבט ער אָן זשוזשען צו זיין טיטשקע שטיל:
„אוי, ס'אַ באַשעפעניש אַ מין!
ער האָט אפילו בלעטער פיל,
נאָר אַ חלשות פּנים, האַמיטנע און גראָב.

איך ווייס ניט, כלעבן,
למאי דאַרף אַזאַ בריאה לעבן!
אָט דו שטייסט שלאַנק און דין,
האַלסט גלייך און שיין דיין קאָפּ!
איך מוז דיר זאָגן, זיך ניט שעמען:
ס'איז פּשוט אַ מחיה דיר ארומצונעמען!"
אַחעק אַ קורצע צייט;
דער בעל=הבית רייסט אויס די טיטשקע און צושניידט
אינגאַנצן איר אויף האָלץ,
דעם דעמבל פּלאַנצט ער דאָ אין גאָרטן איבער.
דער דעמבל נעמט זיך צו, שטייט הויך און שטאָלץ,

ווי א באַקרווינטעֶר גבור.
און זעֶ: ביי אים צוקאָפּן
שטייט בהכנעהדיג דער האָפּן,
עֶר דרייט זיך, פלעֶכט זיך רייסנדיג זיך אויבן
און הערט ניט אויף אים חנפעֶנעֶן און לויבן.

———

אויך מעֶנטשן חונפים האָבן די רגילות:
זיי וועֶלן אייך פאַרשיטן מיט רכילות,
פאַרוואַרפן אייך מיט בלאָטעֶ און מיט שמוץ;
איר ווערט נאָר גרויס און רייך,
זיי האָבן שוין פאַר אייך
חניפהלאַך אַ גאַנצעֶ טוץ.

לז. דער פויער און די האַק.

אַ פויער, בויענדיג א שטיבל,
האָט זיך צוכעסנט אויף זיין האַק:
אַליין מסתם ניט קיין בריהק,
און אויף דער האַק האָט ער פאַראיבל.
„ביסט אומגעלומפּערט ווי אַ שכור,—שרייט ער—
דו וועסט ביי מיר שוין ווייטער
בלויז טשעשען שפּענער;
און איך, דער גרויסער חרוץ און דער קענער,
וועל מיט אַ פּראָסטן מעסער
מיין מאַטעריאַל צוהאַקן בעסער״.
די האַק זאָגט שטילערהייד:—נו מילא,
איך בין דאָך בלויז ביי דיר אַ כלי,
מוז פאָלגן דיין געבאָט,
וואָס דו וועסט הייסן שנייד איך גערן:
נאָר הערן מעגסטו פאָרט מיין ראָט:
איך קען דיר שפּענדלאַך טשעשען אויך, מיין ליבער,
נאָר אָן אַ תכלית וועל איך טעמפּ גלאַט ווערן,
און מיט אַ מעסער בויט מען ניט קיין שטיבער!

לח. דער וואָלף און דער קאַטער.

עס איז אַ וואָלף פֿון וואַלד אין דאָרף פֿאַרלאָפֿן,
און ניט פֿון וואָוילטאָג: יעגערס האָבן אים געטראָפֿן
מיט כאָפּטעס הינט
און זיך אויף אים געלאָזן ווי דער ווינט.
פֿאַרבײַגעלאָפֿן בײַ אַ פֿאַרקאַן זעט ער:
אַ קאָטער זיצט דאָרט אויבן אויף די ברעטער
און הויבט אָן בעטן מיט תחנונים
דעם חבר, ראַטעווען דערפֿון אים.
—אוי, קאָטערל, דו הערסט די הויקערײַ,
טרומייטערײַ און פּויקערײַ?
עס איז דאָך אַלץ אויף מיר!
ציִ ווײַסטו ניט אַ גוטן שכן,
וואָס זאָל מיר עפֿענען די טיר,
וואָלט איך צו אים פֿאַרקראָכן!—
דער קאָטער זאָגט: לויף גיכער צו סטעפֿאַנען,
אַט דאָ ניט ווײַט פֿון דאַנען,
ער איז אַ וואוילער מענטש!—נו, יאָ, אודאי!
נאָר איך האָב זײַנס אַ שעפּסעלע דערשטיקט אין סטאַדע!
—טאָ פּרוב זיך בײַ דעמיאַנען!

—ער איז געחיס אויף מיר פאַרבּיסן,
איך האָב אַ בּאַראַן איס צוריסן!
—טאָ לויף זשע גיך, אָט דאָרטן וואוינט טראָפּים!
—טראָפּים? איך האָב נאָר מורא טרעפן זיך מיט אים!
איך האָב זיין ציגעלע פאַרצוקט פאַר פסח!
—נו, אויב אַזוי איז שלעכט, נאָר אפשר, ווייס איך,
פּרובּיר נאָך דאָרט בּיי קלימען!—
—אוי ניין!
צו אים קען איך ניט גיין!
ער מוז זיך נאָך פאַר דער צופליקטער קעלבל קרימען!
—וואָס הער איך, פריינד? האָסט אָנגעזאָלצן איטלאַכן
און זוכסט נאָך דאָ אַ רו־אָרט אַ געמיטלאַכן?
ניין, בּרודערל, דיין בּייזער סוף וועט דיך ניט מיידן!
זיי זיכער, קיין שום קלוגער פויער
וועט דיר ניט עפענען זיין טויער:
וואָס דו האָסט דאָ געזייט, דאָס מוזטו שניידן.

לט דער וואלף צווישן הינט.

דער וואלף דערזעט, א שטאל שטייט אפן,
קריכט ער אריין, געמיינט ס'איז שאף,
לסוף
האט ער א טשאטע הינט געטראפן.
עס ווערט א טומל צווישן עולם,
די הינט צולאזן זיך אויף אלע כלים,
געוואלדעווען סכנותדיג
און שפרינגען אויפן גזלן אומכרחמנותדיג.
דערהערט אין שמוב, ווערט א געלויף:
די בויערן פארהאקט אין הויף,
געשטעלט אין איטלאכס עק א היטער,
א יעגער א געניטער
גייט צו מיט פייער גלייך צום שטאל.
דער וואלף דערזעט, ס'איז ביטער,
צו גרוזים איז דער סקאנדאל,
האט ער די ציין פארקריצט
און זיצט
עט ווייט אין ווינקעלע פאררוקט,
ברומט שטיל אין זיך און קוקט,

װאָס װעט דאָ זײַן מיטי אים.
װאָלט ער געקענט, װאָלט ער דאָ אַלעמען דערשטיקט,
אויף פּיצלאַך זײ צופּליקט:
נאָר װאָס־זשע טוט מען דאָ לעת־עתּה
אַקעגן הינט אַזאַ מין טשאַטע?
מ׳מוז א פּלאַן געפינען
פון דאַנען צו אַנטרינען.
הױבט אן דער װאָלף צו טענען מיט א װײכער שטים:
—הער אויס, מײַן יעגער! מעגסט מיר גלויבן,
איך קום אַהער ניט הרגענען, ניט רויבן,
איך בין בכלל אַ שעפסן פרײַנד,
איך בין אַהערצו טאַקי אָנגעקומען הײַנט,
מיט אײַך קאָנטראַקט צו שליסן:
קײַן שעפסל זאל ניט װערן מער צוריסן,
אפילו ניט געביסן,
נאָר װעלף און שעפסן זאָלן זײַן אײן סטאַדע,
מיר װעלן נאך אודאי
באַשיצן אײַך פון אלע מינים קרינערס,
פון לײבן, לעמפּערטן און טיגערס.
איך קען דיר דאָ אַ שבועה געבן,
אז איך.,. — הער ברודער לעבן!—
האַקט אים דער יעגער אָפּ
און שאקלט מיטן קאָפּ,—

אויב דו ביסט גרוי בין איך שוין מיד
און האב אין איך א ריכטיגן באגריף;
מיט איך דער זיכערסטער קאנטראקט
איז נאר דעם קאפ איך אפגעהאקט...״
און חברה הינט האט באלד דעם וואלף געפאקט.

מ. דער גוטהארציגער פוקס.

אַ יעגער האָט אַ פויגעלע געטויט.
חאָלט כאָטש געליטן בלויז זי אַיינע,—
נייַן, אירע עופּהלאַך דריַי קלייַנע
פאַרבליבן אין דער גרעסטער נויט:
אָט ערשט פון איי ארויס
און שוין פאַריתומט, אָן אַ מאַמעס שוים,
פאַרחושכדיגט פון הונגער און פון קעלט
און עלנט אויף דער גרויסער וועלט.
זיי טוליען זיך צוזאַמען
און פישטשען יאָמערדיג נאָך דער געטרייַער מאַמען.
א פוקס זיצט אונטן אויף אַ שטייַן,
דערהערט דעם קינדערשן געוויין,
האָט ער זיך שיר צוווייַנט אליין
און רעדט אַזוי צו אלע פויגעלאַך ארום:
„אָט קומט אהער פון אומעטום,
באטראכט נאָר די אומשולדיגע קרבנות;
די הארץ אַנטגייט דאָך פון רחמנות!
איילט גיכער יעדער
און ברייַנגט א קערענדל, א פעדער,

די יונגינקע נשמהלאַך דערחיהן
און זייער דירהלע באַנייען.
אָט דו, קוקאַווקע, קריכסט דאָך סיי־ווי אוים,
נעם רײַס א צוויי־דריי פעדערלאַך ארוים
און גיב אוועק פון מצוה וועגן.
און דיר, מײַן לערכל, וואָלט איך פרעגן:
דו ביסט דאָך עפּעס א בר־דעת,
למאַי ארומדרייען זיך פוסט און פאס,
בשעת
דו קענסט א מצוה גרינג פארדינען?
גיי פליִ אין פעלר, און וואָס דו ועסט געפינען,
גיב זיי אוועק און קענסט זיך אויך פארגינען!
דו, טײַבעלע, האָסט דאָך שוין אָן עין־הרע
א קאָפּ א קלאָרע,
די קינדערלאך געמאכט צו לײַט,
זיי פליהען שוין אליין גאנץ ווײַט
פון אונזער שכונה
פארדינען זיך חיונה.
אָט גיי צו די יתומימלאך אריין,
בארוהיג זיי און שטיל זיי איין.
דו, שוועלבעלע, קענסט פלינעלאך דערשטיקן,
מיט זיי די עלנטע דערקוויקן.
און דו, מײַן סאָלאָוויי, קענסט זיסע טרעלן לאָזן,

זעֶץ זיִך אוועֶק בײַ זײ
און וועֶן א זיִסעֶר וויִנטעֶלע וועֶט בלאָזן,
וועֶסטו מיִט דײַן באַהאַרצטן ניגון
זײ אײַנזיִנגעֶן, פאַרוויגן...
געֶוואלד, ווי קעֶנסטו איִר רוהיִג עֶסן, שלאָפֿן,
וועֶן דאָ...״ דעֶרווײַל האָט זיִך געֶטראָפֿן:
א יתומל פֿון נעֶסט ארויסגעֶפֿאלן.
אויף יונגעֶ פֿלייש איִז אונזעֶר פּיִקסעֶלעֶ א בעלן:
זײַן דרוש פאַרגעֶסן, —
א כאפ די פֿויגעֶלעֶ און אויפגעֶפֿרעֶסן.

————

חעֶר כ׳האָט אן אמתדיִגן פֿונק
פֿון באַריִמהעֶרציִגקײַט, ניִט „מתּן־בסתר״
איִן קלאפט ניִט צופיִל מיטן צונג,
נאָר אָט שטייִט א בעל־צדקה גאָר א הייסעֶר
—אויף פֿרעֶמדעֶ טאשן—
און האלט נאָר איִן איִין טומלעֶנעֶן און רעשן
איִן שיִסט מיִט מוסר־ריִיד, ווי פֿון א ביִקסל,—
אוי, דעֶר איִז שוין א קלוגעֶר פּיִקסל!

מא. די לויה.

א מנהג איז געווען א מאָל
אין ארץ־ישראל,
אז ס'פלעגט זיך טרעפן א לויה,
פאררופן קלאָגעקעס א גאנצענע חבריה,
זיי זאלן מספיד זיין דעם מת.
א פרעמדער גייט אמאל פארביי,
הערט די משונה ווילדע קלאָגעריי
און מיינט,
אז די משפחה קלאגט און וויינט
אין הארצרייסיגן טיפן טרויער.
רופט ער זיך אן צו איינער אויפן אויער:
„איך קען באווייזן דיר א נס,
דער מת זאל אויפשטיין תחית־המתים;
איך בין, פארשטייסטו, א מכשף,
דער מת מוז פאלגן וואס איך הייס אים.
זיי דו זיך נאר מישב
מיט דיין משפחה, ווערט עס באלד געשען.“
די קלאָגערקע שפרינגט אויף פון ארט
און ענטפערט אים מיט ברען:

אוי, גוטער מענש, זאָג, זאָג דײַן וואָרט
און מאַך אונז לעבעדיג דעם מת,
נאָר... כ'האָב דערבײַ
איין קלײנעם תנאי:
אַז ער זאָל ווידער שטאַרבן נאָך צוויי־דרײַ מעת־לעת,
האָט מען אונז ווידער דינגען,
מיר זאָלן אים באַוויינען און באַזינגען.

——

איך קען אַזוינע רײַכע לײַט געוויסע,
וואָס זײַנען נוציג נאָר מיט זייער מיתה.

מב. דער פויער און דער גזלן.

אַ פויער, אויסבויענדיג זיך אַ הויז,
גייט פונם דאָרף ארויס
קויפט זיך אין שטאָט א מעלקטאָפּ מיט אַ קו
און שלעפט זיך דורכן וואַלד א היים צוריק.
קומט אָן א גזלן; אין איין אויגנבליק
נעמט ער בײַ אים די גאַנצע קניה צו.
דער פויער קרעכצט: „רוצח דו,
וואָלסט בעסער מיך שוין קוילן!
איך האָרעווע אַ קײַלאַכדיגן יאָר
און קאַרג און שפּאָר,
איצט נעמסטו צו בײַ מיר פון האָר ביז גאָר
און לאָזט מיך דאָ אַ נאַקעטן א הוילן!"
—הער אויף שוין מיט דײַן קלאָגערײַ!—
זאָגט אים דער גזלן—טאַקי אמת,
די קו וועל איך ניט מעלקן סײַ ווי סײַ:
אָט איז דאָס טעפּל, קום און נעם עס!

מג. אליהו הנביא און דער בעטלער.

עֶס שלעֶפּט זיך מיט א טאָרבעֶ אַלט און אויסגעֶריבּן
אַ בּעֶטלעֶר טיר בּיַי טיר,
פֿון הונגעֶר-נויט געֶטריבּן,
און קרעֶכצנדיג און קלאָגנדיג אָן שעור,
חערט עֶר נשתומם פֿונם גביר,
חאָס וואוינט אין פּרעֶכטיגעֶ פּאַלאַצן
און לעֶבּט אין כלעֶרלײַ תענוגים,
זײַן בּוזים=טאַש געֶשטאָפּט אַזש בּיז צום פּלאַצן,
און פֿאָרט איז אַלץ נאָך ניט געֶנוג אים;
און אָפֿטעֶר טרעֶפט,
אַז יאָגנדיג זיך נאָך געֶשעֶפט,
כּדי זײַן עשרות צו פֿאַרמעֶרן,
פֿאַרליִרט עֶר אויך זײַן קרן.
אָט זיצט דאָ געֶצל קרעֶמעֶר;
געהאַט א שפֿע אומגעֶהײַעֶר,
געֶשעֶפט פּראָסט מיטן עֶמעֶר.
טאָ האַלט זשעֶ דײַן פּאַרמעֶגן טײַעֶר
און לעֶב אין נחת אויף דעֶר עֶלטעֶר!
נײַן, לויפֿט עֶר אויף דעֶר בּירזשעֶ, מאַכט מסחרים,

אִין קָאָן דעָם לעֶצטן גראָשן שטעֶלט עֶר
און וועֶרט לסוף צושלאָגן, אָרים,
פֿון קראָם און שטוב פארקויפט דעָם לעֶצטן פּאָדים
און שלאָגט זיך קוים אדורך מיט גמילות־חסדים!..
און אָט זיצט שטיינגאָלד דער באַנקיר,
געֶוועֶן שוין, דוכט זיך, גאָר אַ מיליאָנעֶר,
פֿארגלוסט זיך אים נאך האָבן מעֶר,
עֶר פּלאָנטעֶרט זיך און טומלט
און האַנדלעֶוועֶט און רומלט
און בייט און וועֶקסלט שמאַטעֶס אויף פּאַפּיר,
ביז עֶר איז אין איין זומעֶר־טאָג אַ שיינעֶם
געֶבליבן אָן תחתונים.
און כלעֶבן ס׳איז אַ מצוה:
אויף אַלץ דאַרף זיין א גרעֶנעֶץ און א קצבה.
און שטייעֶנדיג אזוי פאַרטיפּט אין די מחשבות,
דעֶרזעֶט דער בעֶטלעֶר—אָן קאַטאָוועֶס—
עֶס שטייט פאַר אים דעֶר נביא אליהו.
דעֶר נביא זאָגט: „איך האָב פון דיין געֶדאַנק הנאה,
און טאַקי באַלד באַקומסטו שוין דיין שכר:
אַ באַרג דוקאַטן ליגט אָט דאָ באַהאַלטן,
באלד וועֶרסטו איבעֶר אים א האַר;
דו קעֶנסט דיין טאָרבעֶ האַלטן,
אין איר די גאָלדעֶנעֶ מטבעות קלייבן,

דו מוזט זיך אָבער היטן,
די טאָרבע זאָל א גאַנצע בלייבן,
זאָלסט די דוקאַטן ניט צושיטן,
ווייל טאָמער פֿאַלט נאָר איינער אויפֿן זאַמד,
ווערט אומגעזאַמט
פֿון אים א הייפּל מיכט,
דיין גאַנצע מירחה בלייבט אומזיסט.
געדיינק־זשע, היט מיין תנאַי,
אַניט איז מיט דיין גאַנצן גליק פארביי״.
מיין בעטלער בלייבט נשתומם פֿון טשיקאַוועס,
ער כאַפּט זיך אָבער צו דער ארבעט מיט התלהבות
און שיט דעם גאָלדענעם פאַרמעגן
אין טאָרבע, ווי א רעגן.
די טאָרבע פילט זיך ביסלאַכוויַיז שוין אָן,
דער בעטלער שיט און שיט, ווי מאָן.
„גענוג שוין?״—„ניין!—„די טאָרבע פלאַצט!״—„נישקשה!״
„ביסט דאָך שוין רייך ווי קרח!״—נאָך א האָר,
א נאַרשטשעלע און גאָר!—
„געדיינק, דו ביסט אליין אויף זיך א רשע!״
דערוויַיל די טאָרבע רייסט זיך שטאַרק,
און פּלוצים: טראַך!
צופּלאַצט די טאָרבע מיט א קראַך—.
אין דער מינוט איז אליהו ניט געוואָרן,

פֿון די דוקאַטן ליגט בלויז מיסט אַ באַרג,
דעם בעטלער בלייבט זיין גליק נאָר אין זכרון.

מד. דער רעמאטעס און דער שפין.

דער שפין און דער רעמאטעס שטאמען פונם גיהנום.
דער ווערטל וואקסט פון לאפאַטענען.
מיר אלע קענען
דעם גרויסן פאבל־דיכטער יענעם
און מעגן, אן חקרנות,
אים גלויבן אויף נאמנות, — —
אז ס'זיינען אויסגעוואקסן די פאר בנים,
מוז מען געפינען דאך פאר זיי תכליתים;
דער טאטע זייערער, דער גיהנום, איז אפנים
נאר א געטרייער; רירט עם זייער היים אים:
רופט ער זיי צו און זאגט אזא מין מאווע:
איר מוזט פארלאזן, קינדערלאך, מיין שוים,
גייט אין דער ברייטער וועלט ארוים!
איך זע שוין פריהער, ווי א נביא,
איר וועט דעם מענטשן שטארק דערגיין די יארן,
ס'איז פאר מיין כבוד גראד ניט קיין חסרון!
נא זעט־זשע טיילט זיך איין די וועלט
און גייט וואו איטלאכן געפעלט.
אט זעט איר דארט פאלאצן הויכע שיינע

אוּן דאָרטן שטיבעלאַך גערמײנע
אין יענע פראַכט אוּן רוּים אוּן זעטינקײט
אין די בלויז דלות, אײנגעשאַפּט, שווערע טעטינקײט.
„איך דאַרף ניט—זאָגט דער שפּין—קײן כאַטעס!"
„אוּן איך קײן פּרעכטיגע פּאַלאַצן!—זאָגט רעמאַטעס—
זאָל דאָרט מײן ברוּדער װאוינען;
פאַר מיר װעט בעסער לוינען
פוּן דער אַפּטײק אַביסל װײטער בלײבן,
זאָל מיך קײן דאָקטאָר ניט פאַרטרײבן.
אוּן בײדע נײען זיך אװעק,
יעטװידערער אין זײן באַזונדער װעג.
דער שפּין געפינט א טײערע קװאַרטיר,
זעצט זיך אװעק אין רחבות אָן א שעור
אין פּאַלאַץ צװישן פּרעכטיגע גאַרדינען,
אויף די באַנוּלטע גלאַנציגע געזימשן
אוּן גרײט זיך צו צו זײן מלאכה
אין נעץ פאַרכאַפּן פליגן מיט הצלחה.
נאָר באַלד אויף מאָרגן נאָר באַגינען
דערזעט די פּאָקאָיאָװע אים שוין
אוּן מיט דער באַרשט צוּדראַפּעט זי אים די מערכה.
דער שפּין האָט אויפן אַזױ זיך פאַרקליבן,
האָט זי פון דאָרטן מיט א בעזים אים פאַרטריבן.
עס װאַרפט זיך נעבאַך אוּנזער שפּין

אמאָל אהער אמאָל אהין
פארצייט זיין קעטע טיט עקשנות,
נאָר ס'יאָגט אים לעבעדיג און פריש
א בארשט, א בעזים, צי א פלעדערוויש,
צורייסט זיין וועבאַכץ אָן רחמנות,
און סוף כל סוף ווערט ער אליין אראָפּגעריסן.
„וואָס טויג דער פּאַלאַץ מיר מיט זיין נערודער"
כ'חעל בעסער גיין אין דאָרף צום ברודער,
ער מוז דאָרט אַלדאָס גוטס געניסן!"
באַטראַכט דער שפּין און לאָזט זיך גיין אין דאָרף אריין.
אוי־חיי, רעמאַטעס לעבט אין רחקות און אין פּיין,
דאָרט צווישן פויערשע געזינדן,
עס שאפט מיט אים זיך יעדער האָלע:
דאָ העלף אים האַקן האָלץ, דאָ סנאָפּעס בינדן
דער פויער האָט שוין א קבלה:
וואָס מערער דעם רעמאַטעס מאַטערן,
אַלץ ניכער אים פּארפּטרן!
דערזען דעם ברודער, טוט ער זיך צו אים א וואָרף:
אוי, ברודערל, ס'איז ביטער מיר אין דאָרף!
איך האב חרטה, ס'איז געוועזן א טעות!"
„נו מילא, זאגט דער שפּין אים מיט א שמייכל,
עס מאַכט ניט אויס, איך בין דיר מוחל,
מיר קענען בייטן זיך מיט אונזערע נחלאות".

געזאגט, און באלד צום פויערל אין הײַזל גײט ער
זײַן שפּינוועבענע שאַטקעלע פאַרשפּרײט ער
און זיצט און טראָנקעט און הערשט,
ניטא קײַן פלעדערוויש, בעזימער און בערשט...
רעמאטעס ווידער האט זיך מיטן געגנט
באלד אפגעזעגנט.
אוועק אין שטאט אין נאר די הויכע פענסטער
פון אַלע פאלאצן דער שענסטער
איז אים געפעלן, ווערט ער דארט א שכן:
צום אלטן גביר אין סאמע פּוס אריינגעקראכן.
נו נו האט ער דארט א קווארטיר!
קײַן שום מלאכה ניט, קײַן טראָט, קײַן ריר,
אויף ווייכע קישנס ליגט ער תמיד מיטן גביר
און אין קארעטעס פארט ער אויף שפּאציר.
פון דעמאלט האבן ביידע ברידער
שוין קיינמאל ניט געזען זיך ווידער,
זיי לעבן ביידע זיך ווי אין גן-עדן:
דער שפּין אין שטיבעלאך פארשמוצטע,
רעמאטעס ביי די גבירים די פארפּוצטע—
קווארטירן צוגעפאסט פאר ביידן.

מה. שמשון.

עֶס גייט אין וועג דער גרויסער גבור שמשון,
פול גאוה אויף זיין העלדישקייט:
די פלישתים ציטערן פאר אים שוין,
זיין פאלק ישראל שוין באפרייט.
נאר נאך איז ניט געשטילט זיין בלוט,
נאך ניט געקרוינט זיין ווילדער מוט:
נקמה, שנאה ברויזט אין אים ווי פלאמען,
פארטיליגן די שונאים אלעמען צוזאמען
און ווי ער גייט,
דערזעט ער: ס'ליגט צונויפגעדרייט
א מין באשעפעניש א קליינס: ער טוט א טראט,
וויל עס צוקוועטשן, זעט ער גראד,
די חיה ווערט ווי אויסגעצויגן,
דער גבור גלויבט ניט זיינע אויגן,
ער כאפט א גרויסן, שווערן פלאקן
און הויבט אן קלאפן שטארקער, בעסער,
די חיה אבער ווערט אלץ גרעבער, גרעסער.
דער גבור שטייט פארוואונדערט און דערשראקן,
און די באשעפעניש וואקסט אויס

שוין ווי א בארג די נרויס,
פארשטעלט די שיין אים פון דער זון.
עס ציטערט אויף מנוח׳ס זון,
ער ווארפט אוועק דעם פלאקן פון דער האנט
און שטייט אין אנמאכט פאר דער ווילדער פעלזנוואנט.
און פלוצים שטעלט די חיה זיך אוועק
און זאנט: דו שטאלצער העלד!
דו שטייסט פאר מיר אין וואונדער און אין שרעק,
דו האסט מיך אבער ניט דערקענט.
איך בין דער בייזער שטן פון מלחמה=פעלד
וואס ברויזט און ברענט
און רייצט די ברידער קעגן ברידער.
„מחלוקת״ הייס איך; תחילת קליין און ווינציג,
נאר אין די שלאכטן וואקסן מיינע גלידער;
פאר מיר איז איטלאכס קאמף נאר גינציג,
דו קעמפסט, דו זינגסט—און איך באהערש דיך שטיל
און טו מיט דיר אלץ וואס איך וויל.
ווילסט זיין א גבור—טרעט אפ אן א זייט
און לאז אליין מיך רוהיג ליגן,
וועסט זען—פאמעלאך, מיט דער צייט
וועסטו ניט דארפן מער זיך קריגן—
דער שונא לעבט, די שנאה אבער וועסטו גרינג באזיגן.

טו. דער וואלף און דער שטשור.

א וואָלף א גרויסער
האָט פון א סטאַדע ביי א פויער
אַוועקגעפירט א שעפּסעלע אין וואַלד,
פאַרשטייט זיך, ניט אויף לחיים:
ער האָט איר באַלד
דאָרט אין א ווינקעלע א פרייעם
דערשטיקט,
די פּעלכעלע אראָפּגעפּליקט,
די פליייש צוגריזשעט מיט די ציינער,
אז ס'האָבן אוש געקנאַקט די ביינער.
אַז ס'איז אים שוין פון האלז געקראָכן,
לאָזט ער אביסעלע אויף שפּעטער,
און לייגט זיך צו
אויף מיטאָג־רו.
א שטשור, א נאָנטער שכן,
דערזעט, עס ליגט א פריידיקל א פעטער,
פאַרגנבעט ער זיך צווישן קוסטעלאַך און מאָך,
בייסט אָפּ פון פליייש זיך א כזית,
טראָגט אָפּ אָן שום הויזות

צו זיך אין לאָך
און ואיננו – גײַ געפֿין אים.
דער וואָלף שטייט אויף; ווי א בר־דעת
גייט ער באַקוקן זײַן זאַפּאַס
פֿון איטלאַכס זײַט, לויט אלע דינים
דערזעט ער,—אוי, א שטיקל הינטער־חלק פֿעלט.
אז ער מאַכט עס אַ ליאַרים א געוואַלד
אין גאַנצן וואלד:
קראַול, מ׳האט בדלות מיך געשטעלט!
א גנב איז געקומען,
מײַן גאנץ פֿאַרמעגן צוגענומען!

———

בײַ אונזער ראש־הקהל
האט עמיצער אמאל
זײַן זייגערל ארויסגעשלעפּט בײַם שול—
אָט פּונקט אזוי האט ער געשריען: גוואַלד, קראַול!

מז. דער בעל־הבית און דער חקרן.

א בעל=הבית א פראָסטער מיט א חקרן
פארפירן איינמאל צווישן זיך א שמועס
„זע, זאגט דער בעל=הבית,
„דו ביסט דאך ניט קיין נאַר און ניט קיין שקרן,
טא מאַך מיר קלאר, געוויס ווייסטו עס,
פארוואס
ביי איטלאכם ענין, וואס מ׳וויל נאר טאן:
ביי חברה=זאכן, סעודות, צי אסיפות,
שפרינגט דער עם=הארץ באלד ארוים פון אויבן אן;
צי איז אקעגן דעם ניטא גאר קיין תחבולה?״—
„די זאך איז פשוט אן חריפות,
נאר ס׳איז ניטא דערצו קיין סגולה:
די חברות זיינען ריכטיג ווי די שטיבער.״
„דהיינו?״ — „הער זשע צו, מיין ליבער:
איך האָב א שטוב זיך אויסגעבויט אנומלט
און צי אריין צו זיך אין דירה;
ערשט ס׳האט שוין דארט א גריל די נאָרע אירע
און זיצט ברחבותדיג און גרילט און בומלט.

מח. די ווילדע ציגן.

א פאַסטוך האט געפֿונען אין א מערה
אַ טשאַטע ווילדע ציגן. פֿרייט ער זיך און קלערט:
ס'איז א מציאה גאר א טייערע,
פֿון אוצרות גאלד א סך מער ווערט.
א קלײניגקײט, א גאנצע נײַע סטאדע,
איך וועל פֿון איר דאך ווערן רייך אודאי,
כ'וועל מעלקן מילך און פוטער שלאגן, קעזלאך כריהען,
אמאל פון זיי א פעלכעלע אויך ציהען
און אפֿט זיך מאַכן פֿליישיג,
אבי נאר אויסהאדעווען זיי מיט חשק.
דער פאסטוך נעמט זיך באַלד צום עסק,
פֿארבעט אויף ווינטער־צייט די נײַע געסט
אויף קעסט
ער רייסט אַרוים פון מויל ביי זיינע שאף
און שטופט אין יענע אן א סוף.
די אייגענע, זיי מאַכן ניט קיין סך העויות,
פֿארלאזן זיך אויף דרך־ארץ,
ס'קען זיי אָנזעטיגן מיט א תירוץ,
און טאמער הויבט מען אן זיך קרימען,

איז מיטן קאַנטשוק באַלד א סימן,—
און זײַט ניט קײַן הולטאַיעס.
אַחעק אַזוי א גאַנצער ווינטער.
דער פּאַסטוך שפּײַזט די אײַנענע מיט תּרוצים
און פאַר די פרעמדע אַלדאָס גוטס געפּינט ער,
און פּרוצים—
אין ערשטן זוניג־שײַנעם פרילינג־טאָג,
קוקט ער זיך אום, אוי ווײַ אַ קלאָג,
די גאַנצע ווילדע כטאַדע אויסגערונען,
ווײַ זײַנען אַלע אין די בערג אַנטרונען,
און זײַנע שעפּסעלאַך ביז אײַנער
פאַרדאַרט, פאַרחושכט הויט און בײַנער.
דער פּאַסטוך גײַט, פאַרבראָגזט און פאַרשעמט,
מיט שטאָק און טאָרבע אין דער פרעמד.

———

מײַן פּאַסטוכל, דו מענסט עס ווײַטער וויסן
האָסט ניט געדאַרפט די אײַגענע פאַרזען
און געבן פרעמדע זײער לעצטן ביסן,—
וואָלט דיר דער אומגליק ניט געשען.

מט. דער חזיר אונטערן דעמב.

עָס שטײט אַ חזיר בײַ אַן אַלטן דעמב
קלײַבט זשאָלאָנדזשעס, װאָס פאַלן פון דער הויך,
און פרעסט
און שטאָפּט אין בויך,
צולײגט זיך שװער און טעמפּ.
און שלאָפט און כראָפּעט פּעסט,
רײַסט אויף די אויגן, טוט אַ קוק
און הויבט אָן גראָבן אין די װאָרצלען מיטן שנוק.
—דו װעסט דאָך באַלד דעם בוים פאַרדאַרבן!—
שרײַט אים פון דעמב אַ ראָב—
װי באַלד דו דעקסט די װאָרצלען אָפּ,
קען ער צוטריקענען און שטאַרבן!—
„זאָל ער כאָטש פגרן, װאָס קענם מיך שאַטן?
איך האָב מיט אים א קנאַפּן „משא־מתן",
אַבי איך זאָל די ניסלאַך האָבן—
פון זײ באַקום איך דאָך א קאַרג אַ גראָבן!"
—דו אומדאַנקבאַרער!—זאָגט צו אים דער בוים—
װאָלסטו נאָר קוים
נעקענט אַ בויג געבן דײַן רוקן,

אביסל העכער קוקן,
חאָלסטו געװאוסט געזיבּ,
אַז איך גיב דיר די ניס!—

ג. דער שעפּסעלע.

אַ נאַרישׁ שעפּסעלע האָט אָנגעקלײַדט
אַ װאָלפֿישׁ פֿעל און גײַט
אַדורך אין סטאַדע א שפּאַציר
עס איז מסתּם א שטיף געװען פֿון איר.
װי קומען אָבער הינט פֿאַרשטײַן געלעכטער?
זײ מײַנען, ס׳איז א װאָלף א עכטער
און שפּרינגען צו מיט א געהױל
און צופּן, בײַסן, רײַסן איר א גרױל!
זײ װאָלטן איר אױף פּיצעלאַך צובּיסן,
נאָר די פּאַסטוכעס האָבן איר דערקענט,
קױם לעבּעדיג אַרױסגעריסן
און אױף די הענט
פֿון דאָרטן אָפּגעשלעפּט.
דער בּיס פֿון הינט איז אָבער זײער טיף,
און אונזער שעפּסעלע האָט פֿאַר איר שטיף
אַ טרױעריגן לעבן אָפּגעלעבט:
געדאַרט, געניכועט און, פֿאַרצאָגט,
זיך אָפּגעװאַלגערט בּיזן טױט אין לײַדן
און האָט אַ צענטן שױן פֿאַרזאָגט:
אַ װאָלפֿישׁ פֿעל ניט אָנצוקלײַדן.

נא. דער פויער און דער שלאנג.

צום פויער איז אַ שלאנג פאַרקראָכן
און זאָגט: הער צו, מײַן שכן,
אָט לאָמיר ביידע חבר װערן;
דו דאַרפסט פון מיר קײַן שלעכטס ניט קלערן
מײַן גאַנצע רשעות האָט שוין איצט געמיבן
איך האָב אַפילו שוין מײַן הויט געביטן...
דער פויער האַקט אים אָפּ אינמיטן
און זאָגט: דו האָסט געביטן נאָר דײַן פעל
דײַן האַרץ בלײַבט אָבער אויפן שטעל".
און אומר ועושה—די האַק אַ כאַפּ
דעם שלאַנג דערהרגעט מיט איין קלאַפּ.

נב. די פּאַס.

א שכן בעט אַ צוױיטן פון איין גאַס
אַנטלייַהען איִם א פּאַס
נו, מהיכי תיתי:
א טובה ניט קיין גרויסע.
אָט װען עס האַנדלט זיך פֿין מזומנים,
טרעפט אָפט, אַז מחותנים ווערן שונאים.
א פּאַס אנטלייַהען איז ניט שייך,
אַזאַ מין חסר טוט ער גלייך.
נאָר אַז עס איז די צייט געקומען,
ער האָט די פּאַס צוריקגענומען,
מיט וואַסער אָנגעגאָסן איר,
ערשט ס'שראָגט אַ ריח אָן א שעור.
ווייל דער בעל־דבר האָט אין פּאַס אַריין
געגאָסן אַלטן שטאַרקן וויין.
דער בעל הבית האָט אַלע עצות אָנגעװענדט,
ער פּאַרעט איר און שווייַנקט איר אויס;
ער שטעלט איר אויף דער זון ארויס,
נאָר אויסליפטערן ניט געקענט.
ער האָט קיין אַנדער מיטל ניט געוואוסט
און מיט דער פּאַס צושיידן זיך געמוזט.

נג. צווײ אינגלאך.

—הער, שמערל,—זאָגט אמאָל א יונג צום צחײטן—
למאַי אין חדר זיצן ווי אין קײטן
אָט בעסער קום מיט מיר אין גאָרטן,
מיר װעלן דאָרטן
קאַשטאַנעס רײסן פיל מיר ווילן
צום עסן און צום שפּילן.
—גוט, בערל, אָבער הויך איז דאָך דער בוים,
דעם ערשטן צווײַג דערזעט מען קוים;
ווי קענען מיר זיך קליגן
פון אים קאַשטאַנעס קריגן?
—אזוי?—זאָגט בערל מיט א שמײכל—
אויף וואָס זשע גיט אונז גאָט א שכל?
וואו ס'לאָזט זיך ניט מיט כח,
דאָרט פּרובט מען זיך מיט מוח
אָט הער מײַן עצה:
זײַ דו נאָר מוחל,
לאָז מיר זיך שטעלן אויף דײַן פּלײצע,
וועל איך אַרויפקריכן צום ערשטן סײַנק,
פון דאָרטן גײ איך שוין אלײן די גאַנצע לײַנג,

רײַס אָן קאַשטאַנעס פולע טאַשן
און בײדע האָבן מיר גענוג צו נאַשן.
געזאָגט—געטאָן. און שמערל הויבט זײַן חבר אויף
און שטופּט אים הויך ארויף
און יענער רײַסט קאַשטאַנעס שײלט זײ אָפּ
און שלינגט מיט אַפּעטיט
און אויך מיט שמערלען הערט ער קוים:
ער וואַרפט אים צו די שאָלאַכץ אויפן קאָפּ.

נד. די קוקאַווקע און דער האָן.

—מײַן הענדרעלע, דײַן קול איז קנאַקענדיג!
—און דו, קוקאַווקעלע, זינגסט אויך גאָר טשאַקענדיג!
—נאָר דײַן געדרײַ איז פֿון אַן אמתן מנגן!
—און איך בין דאָך, קוקאַווקעלע מײַן גאָלד,
אַ בקי אין געזאַנג מיט אַלע תּגין,
טאָ גלויב=זשע מיר, איך האָב דיך ממש האָלד
פֿאַר דײַן געצוקטן, הילכעדיגן נגון!
—און איך, מײַן אוצר, קען דיר שווערן:
עס האָלט מיר קײנמאָל גאָרניט מיאוס ווערן,
דײַן ליבלאַכן געזאַנג נאָר שטײן און הערן.
און טאָמער הערסטו אויף אַ ווײַל פֿאַרשווײַגן,
שטײ איך פֿול אומגעדולד און וואַרט:
ווען וועל איך דיך שוין הערן נאָכאַמאָל! —
—און דו באַכשופֿסט דאָך מיט דײַן נגינה=קול:
אי רײן, אי הויך אי צאַרט!
ס'אַ וואונדער די נאַטור באַשאַפֿט!
אַלײן א שוואַכינקע, אַ ברעקעלע
און האָסט אַ שטים א גלעקעלע,
מיט אַ בנעימותדיגער קראַפֿט!

—אַ דאַנק, מײַן האָן, נאָר דײַן געזאַנג
אַיז פשוט װי אַ הימל־קלאַנג!
קענסט פֿרעגן כאָטש דעם סאָלאָװײ...
דעם שמועס הערט א פויגעלע און זאָגט צו זײ:
„איר מעגט זיך חנפֿנען פֿאַר עם װעדה,
נאָר זינגען קענט איר פֿאָרט ניט בײדע!“—

————

פֿאַרװאָס זשע לויבט דעם הענדל די קוקאַװקע?
װײַל ער זאָגט, אַז נאָר זי נעפֿעלט אים דוקא!

נה. די פלאָטקע.

קיין נביא בין איך ניט
נאָר אַז איך זעֶ: אַ זומעֶר=פֿויגל פֿליט
אַרום אַ ליכט, ווייס איך גאַנץ גוט,
אַז עֶר איז שוין קאַפּוט.
אָט דאָס איז בלויז עֶרשט אַ הקדמה,
דעֶר עיקר משל קומט נאָך פֿאָרנט;
נאָר ווי א גוף האָט א נשמה,
דאַרף עֶר זיין מיט א מוסר=וואָרט באַוואָרנט.
מיין ליבעֶר פריינד, האָסט מורא פֿאַר אריכות,
ווייל עֶפּעֶס ווי אַ דרוש מאַך איך עֶס?
מ׳שטיינס געֶזאָגט: איך בין שוין ניט קיין אינגל,
און ס׳פּלאָנטעֶרט זיך א ביסעֶלעֶ דעֶר צינגל.
די לופֿט ווערט אָסיען=צייט פֿאַרכמורעֶט
און מעֶנשן עֶלטערעֶ—צודורעֶט.
נאָר פּאָרט מעֶגסטו געֶדולדיג העֶרן,
וואָס איך דיך פֿון מיין פּראַקטיק לעֶרן;
פּאַראַנעֶן יונגע לייט, וואָס קלעֶרן:
אַ שטיף, אַ לאַך און א קאַטאָוועֶס
דאָס מעֶג מען זיך דעֶרלויבן;

געווִיס, נאָר אָפּטער טרעפּט—דו מעגסט מיִר גלויבן—
אַז מענשן שטיִפּן מיִטן מלאך־המות.
דערפון, מיַין פריַינד, זיַי שטענדיִג נזהר,
חיַיל אויב ס'איִז אלץ דיִר איַינגעגאַנגען ביִז־הער,
וועט אָבער סוף כל סוף
אויף דיִר אַראָפּקומען אַ שטראָף.
דאָס איִז שוין אַ געזעץ פון איַיזן,
און אָט דעם סוף פון שטיפעריִשע גריַיזן
וועט דיִר דער וויַיטערדיִנער משלע באַוויַיזן.

———

איִך חיִים ניִט וואו און ווען,
אַליין ביִן איִך דערבּיַי אויך ניִט געווען,
נאָר ערגעץ ביַי אַ טיַיכל האָט
אַ פּאַרטיע פּיִשערס ווענטקעלאַך פאַרלאָזן.
איִן יענעם טיַיכל גראָד
ליִעבט זיִך אַ פלאָטקע, שעלמיִש־שטיִפעריִש צולאָזן,
און פלאָנטערט זיִך און מאַכט א לוסטיִגן שפּאַציִר.
אַ פּיִשער זיִצט דאָרט אָפּט
מיִט קלאַפּעדיִנער חאַרץ און האָפּט:
אָט, ס'גיִט אַ ציִ, אַ ריִר...
ער שלעפּט די ווענטקעלע ארויס—ניִטאָ דער וואָרעם!
דער פּיִשער ווערט איִן כעס,
עס איִז ניִט קלאָר איִם,

חער מאַכט עס דאָ מיט אים א שפּאַס?
נאָר דאָס איז אונזער פלאָטקעס שטיפעריי:
פאַרגנבעט היגטערהייזלעכס איטלאַכס מאָל אויפ׳ס ניי
גיט זי דעם ווערעמל א צופּ,
צוריק אין וואַסער פלינק א שופּ,
און רופט איר קנאַק־ניסל.
עס זאָגט צו איר א חברטאָרין:
דו ביסט צו חוצפּהדיג א ביסל;
קנאַפּ אָרט אין טייכעלע דעם קלאָרן?
למאי זיך דוקא רוקן
פונקט דאָרט וואו ס׳איז מסוכן?
געדיינק, איך זאָג דיר, קריך ניט נאָנט אין פייער,
עס קען דיר קאָסטן טייער.
דאָס גייט דיר איין א מאָל צוויי־דריי,
צום סוף פאַלסטו אריין און שוין פאַרביי...
נאָר מוסרן א נאַר—פונקט ווי א טויבן.
די פלאָטקע הערט און וויל ניט גלויבן.
וואָס איז—איך בין א סגי־נהור?
איך זע ניט וואָס דאָ טוט זיך?
אָט איז א ווענטקעלע, ווי שטיל זי רוט זיך,
נאָר ס׳זיצט א פישער דאָרטן אויבן,
שטעלט אָן זיין אויג און אויער...
און נאָך... און נאָך... אָט גאַנצע חמרים,

און אלע אין איין לייגנ און פּאָרים...
ניִשקשה, האָט קיין פּאָרכט,
דיין חברטאָרין קוקט און האָרכט...
אָט זע, ווי איך גיב דאָ אַ טשעפּ,
דעם ווערעמל אַ שלעפּ,
אַ טאַפּ, א גלעט, א קוש אים,
און אָט א צווייטן און א דריטן...
די בריהדיגע שוואַמערקע,
באַריםמערקע
באַווייזט באמת קונציגע חידושים.
נאָר פּלוצים, גאָר אין מיטן
איז זי שוין אויף א האַטשעקל נעהאַנגען,
און שוין צו שפּעט איז זי דערגאַנגען,
אַז ווער עס לויפט צום נעץ דער ווערט נעפאַנגען.

נו. דער שיפער און דער ים.

אַרויסגעשפּיגן האָט דער ים דער טיפֿער
אַ שיף־ברוכיגן שיפֿער.
פון פלאָנעניש און שרעק
צוכעסנט ער זיך אָן אַן עק,
דעם ים מיט טויטע קללות שילט ער.
„אלץ דו—זאגט ער—מיט דיינע שווינדלערייען!
אָט ליגסטו ווינסטו זיך א רוהיגער, פֿארקילטער,
ווי קונצין־קלוג דו קענסט זיך שטיל פֿארטייען
פֿאַרנארסט דעם גלויביגן א פֿרישן א געזונטן
באַלד אָבער ברויזן דיינע קאָכיגע געדערים
און שלײַדערן אהין־אהער אים
פארשלינגען אים אין דיינע טיפע גרונטן”!
עס ענטפֿערט אים דער ים:
דו שילסט מיך אן אַ טעם!
אין מיינע וואסערן ניטא קיין שום סכנות;
און אויב עס קאָכן, ברויזן מיינע נירן,
האב איך אליין, מיין שיפער, ניט געטאן עס,
דאס גייט דער ווינט דער גרויזאַמער אויף מיר שפּאַצירן!
מיין שטילע רו באַרויבט ער,

דִי פַאליעֶס וואַרפט עֶר, הויבּט עֶר
און שפִּילט זִיך אויך מיט שִׁיפּן אָן רחמנוּת!
אט גִיבּ נאר אִיצט א בּלִיק אויף מִיר,
חִי שטִיל איִך לִיג און טוּ זִיךְ נִיט קײַן רִיר,
חײַל ס׳אִיז נִיטא דעֶר שׁטִיפעֶר, דעֶר זעֶפִּיר...
פּרוּב לאז אויף מִיר א שִׁיף, נִישקשה,
קעֶנסט זִיכעֶר זײַן פּונקט ווִי אויף דעֶר יבּשה...״

נוּ יאָ, דעֶרטרונקעֶן וואלט עֶר נִיט געֶוואָרן,
אָן ווִינטן אבּעֶר קעֶן מעֶן אויך נִיט פארן...

נז. דער מוק און דער לײב.

ÜLIÕPILASTE ÜHING „HASMONEA" TARTUS * JUHAN SOOST
הסתדרות הסטודנטים
„חשמונאי"
דורפט.

ניט לאַך
פון חבר וואָס איז שוואַך
און זאָלסט אים ניט פאַרשעמען;
די שוואַכע קענען אויך נקמה נעמען.
אָט הער אַ מעשה מיט אַ מוק.
ווי ער האָט זיך גערעכנט מיטן לײב דעם גבור,
וואָס פלעגט ניט וועלן שײנקען אים א קוק.
דער קלײנער שרץ טראָגט די חרפה ניט אַריבער;
ער מוז באַווײַזן אָט דעם גרויסן העלד,
אַז ער לעבט אויך דאָ אויף דער וועלט.
ער קומט אַראָפּ און זשומעט אָן אן אויפהער,
ווי הילכיגע סיגנאַלן פון אַ שופר:
דעם לײב דערקלערט ער קריג.
דער לײב טוט תחילת גדולדיג אַ בליק
און מאַכט דערפון זיך אַ געלעכטער.
דער מוק משמעות איז א כעסן
און מײנט ניט אויפצופלײַסן.
ער פליט אַרום, שפירט אוים ווי אַ סאָלדאַט א עכטער,
זוכט ערטער שוואַכערע אַזוינע

וואו שטאַרקער אָנגרייפן דעם שונא.
ער פליט גאַלאָפּ
צום אויג, צום אויער, אויפן קאָפּ,
לסוף שטעלט ער זיך אָפּ
ביים שונא אויפן סאַמע פּלייצע
און טוט אַ גיפּטיג־טיפן שטאָך אים.
דער קליינער דרייסטער חכם
איז נאָך דערמיט אליין ניט יוצא;
אַז יענער פּרובט אים מיטן עק פאַרטרייבן,
געפינט ער זיך אַן אַנדער עצה:
צום שונא אויפן שטערן זיך פאַרקלייבן
און אויפן נאָז און צווישן זיינע אויגן
און האַלט די בלוט נאָר אין איין זויגן
און שטעכט אים מיטן פּיסקעלע דעם שאַרפן
דער לייב הויבט אָן זיך וואַרפן
און צאַפּלען מיט פאַרדרוס,
ער טרייסלט מיט דער גריווע, שאָקלט מיטן קאָפּ.
דער מוק איז אָבער ניט קיין טרוס,
טראָמפּייטערט די סיגנאַלן מיטן טראָפּ
און פליט ארום
פון נאָז צום אויער און פון קאָפּ צום פוס
און בייסט און שטעכט אים אומעטום.
דער לייב ווערט דול און ווילד,

עֶר קריטשעָט מיט די ציינעֶר, ליאַרעֶמט, ברילט,
די ערד מיט זיינע נעֶגל קריצט עֶר,
עֶר צאַפּלט זיך און שפּרינגט
און טאַנצט און הינקט
א אָנגעֶוויימאָגטעֶר צוהיצטעֶר.
פֿון די משונהדיגעֶ קולות
צוטרייסלט זיך מאוימדיג דעֶר וואַלד,
א בייזעֶ אימה אויף די חיות פֿאַלט;
הײַנט גיי דעֶרציייל עֶס,
אַז דאָס האָט אַלץ אַ מוק געֶמאַכט...
דעֶר לייב וואַרפט זיך אַנידעֶר אָפּגעֶשוואַכט
פֿאַרחלשט אויפֿן גראָז
און סאָפּעֶט, כראָפּעֶט מיטן האַלז און נאָז,
לסוף גיט עֶר זיך אונטעֶר.
דעֶר מוק, באַפֿרידיגט, פֿריש און מונטעֶר,
זינגט הילכיג א ניצחון־ליד
און פֿליט
טראָמייטעֶרנדיג נאָנט און וויַיט
זיַין דרייסטעֶ העֶלדישקייט.

נח. דעם לייבס ערציהונג.

דעם קיסר-לייב האָט גאָט געבענטשט מיט א בן-זכר.
איך קענט מסתם די חיהשע נאַטור:
א לייב א יאָריגער
איז שוין א לייט אַ בחור,
אַ בינונים-יאָדערדיגער, האָריגער,
מיט אַ גיגאַנטישער פיגור.
דער טאַטע זעט און קלייבט הנאה,
פונדעסטוועגן פאַרטראַכט ער זיך ניט אויף המצאה:
דער זונדל וואַקסט אין וואַלד א גרויסער בור.
ער דאַרף דאָך באַלד שוין די מלוכה ירשנען,
היינט ווי וועט ער רעגירן,
ווי חתמנען פאָליטישע פאַפירן
און ביי געלעגנהייט א ביסל דרשנען?
אודאי מוז מען זיך באַמיהען
דעם יונגן לייבעלע ערציהען;
נאָר וועמען קען מען בעטן, דינגען, צי באַפוילן,
מחנך זיין דעם בן דעם וואוילן?
דעם פוקס? יע, דער איז קלוג,
פאַרמאָגט ער אָבער שווינדלעריי גענוג,

א קנאַפּע תּורה פאר א מלך.

דעם קראָט? א גאנץ געלאַסענער סאָלידער
ער קריכט זיך טאָג און נאכט פּאַמעלאַך,
צוויי טריט פאָראויס, איין טריט צוריק באַלד ווידער,
ער שײַלט זיך קערנדלאַך אליין
און איז בכלל א גרויסער בעל־הבית;
איין פּעלער נאָר: די חיהלע איז קליין
און קוקט ניט ווײַטער פון איר נאָז,
הײַנט וואָסער תּורה קען זי געבן
דעם לייבל, וועמעס מלכות־אויג דאַרף שוועבן
אויף א מלוכה, גרויס און ברייט גאָר אָן א מאָס?
און אפשר נעמען גאָר דעם טיגער?
ער איז שוין ניט קיין קורצזיכטיגער,
אויך ניט, ווי אונזער פּיקסל, א באַטרינגער;
ער איז א שטאָלצער יונג א בחוּאַט
אין הלכות־טאַקטיקע אַ גרויסער ידען,
נאָר איין זאַך קען דעם יורש־עצר שאַדן:
דער רבי איז אַ קנאַפּער דיפּלאָמאַט,
אין בירגער־רעכט אַ שוואכע בקיאות,
זיין פּסק איז שטרייַנג און קורץ אָן שהיות;
א קיסר אָבער מוז דאָך קענען לאַדען
מיט כל המינים בריות
און זײַן אליין א שופט, א מיניסטער, א סאָלדאַט!

בקיצור: אין דער גאנצער וואלד־קהילה
ניטאָ קיין איינציגער אפילו,
(אויך ניט דער עלפאַנט דער באַוואוסטער,
וואָס איז ביי אלעמען א מוכטער
פון א געלאַסענעם בר־דעת,
קלאָר אין זאַקאָנעס ווי א רב אין ש״ס...)
דער קיסר זאָל אים קענען געבן
זיין יורש־עצר פאַר א רבין...
דארף איינמאָל פונקט געשען,
א אָדלער קומט צום לייב צופליהען.
דעם קיסרס צער דערזען—
(געווען א פויגל מיט לבבות
און קלוג, געלערנט, קיין קאַטאָוועס!)
דערקלערט ער באַלד דעם קיסר זיין ידיד,
פאַר אים וועט ער ניט ווערן מיד
פארנעמען זיך זיין זון ערציהען.
דער לייב איז פשוט זיך מחיה,
אַט איז א גוטער פריינד א הייסער!
אָט איז א ליבשאַפט א געטריי:
א קיסרס זון וועט לערנען ביי א קיסר!
מ׳שיקעוועט דעם בחור אוים,
דער אָדלער נעמט אים אין זיין שווים
און פליט מיט אים אוועק צו זיך אין הויז.

אוועק א יאָר און צוויי. דער לייב וויל וויסן,
ווי גייט עס דאָרטן מיט זיין בן,—
און ווער עס איז נאָר דאָרט געווען,
גיט אָפּ דעם לייב די בעסטע גריסן,
יעטווידער פויגל קען אים גאָר גענוג ניט לויבן;
זיין שיינקייט, וואוקס, געלערנטקייט—גאָר ניט צו גלויבן.
לסוף, צום ריכטיגן טערמין,
קומט אָן צוריק דער יורש=עצר;
דער קיסר שיקט אהער=אהין,
פֿאַרבעטן איטלאַכס שעצער
פֿון קענטעניש און אַלע זיבן זאַכן;
ער וועט פֿאַר זיי אַ סעודה מאַכן,
זיין ליבער בן
וועט וויַזן וואָס ער ווייס און קען,
און ס'וועט נאָך עפּעס וויכטיגעס געשען.
עס קומט אַ גרויסער צבור,
און איינער קוקט דעם אנדערן אַריבער
צו זען דעם חכם און דעם גבור,
וואָס דאַרף ביי זיי אַ מושל זיין א ליבער.
דער קיסר זאָגט: מיין טרייער זון,
דו זעסט—פֿאַר מיר גייט אונטער שוין די זון,
איך בין שוין אלט און שוואַך,
און דו ביסט יונג און שטאַרק, געלערנט אויך אַ סך.

טאָ וויַיז זשע פאַרן פאָלק אַלץ וואָס דו ווייסט,
און איך וועל רוהיג דרייסט
דיר איבערגעבן די מלוכה.
ווי ליב וועט מיר זיין מיין מנוחה,
אַז מיין געבענטשטע פאָלק און לאַנד
געפינען זיך ביי דיר אין פעסטער האַנד!..
דער יורש זאָגט: „אדוני מלך,
איך קען פאַרזיכערן אָן מורא,
אַז איך קען קלאָר דעם אָדלערס תורה,
אויף יעדער קשיא ענטפערן דיר וועל איך
ווי ס'לעבן פויגלען, קליינע פויגעלאַך
פון אַלע מינים, פאַרבן כלעריי,
ווי ס'זעהען אוים ביי זיי
די קעפּעלאַך און פלינעלאַך אין פעדערלאַך
און מיילכעלאַך און אויגעלאַך
און הויט און ביינדעלאַך און עדערלאַך
און ווי זיי בויען זיך א נעסט
און לייגן איי־עלאַך און זיצן אוים
און האַלטן זיי געטריי אין שוים
און פליהען זוכן פאר זיי קעסט,
וואוהין זיי פליהען אין די גרויסע פרעסט,
איך האָב אויף אַלץ גענויע אַטעסטאַטן.“
דערהערנדיג דעם דרוש דעם גלאַטן,

וזערט אומעטיג דעם קייזערלאכן טאטן;
די חיות שטייען אנגעכלאזן,
די מארדעם צו דער ערד אראפגעלאזן.
און צו שפעט איז דער קיסר ערשט דערגאנגען,
אז ער וועט ניט דערגרייכן זיין פארלאנגען.
געלערנט טאקי האט דער זון א סך,
נאר אלץ ניט צו דער זאך;
וואס טויג די תורה פון א עוף
פאר דעם, וואס לעבט מיט חיות, בהמות, שאף?
און ווי א לייב זאל זיך ניט מיהען
מיט פשטים טויזנטער און ראיות
פארטייטשן „פליהונג" פאר די חיות—
אן פליגלען וועלן זיי ניט פליהען...

נט. די וויוויערקע בײם לײב.

א װיװויערקע האָט בײַ א לײב געדינט,
איר אויסקומעניש כשרדיג פארדינט
און קריגט דערפאר
פֿון האַר
א צוזאָג אויף א אָנשטענדיגן שכר:
א װאָגן פֿול מיט ניס.
א טײַערע הבטחה גאנץ געװיס;
גישמער אין דער הבטחה
איז קנאַפּ־װאָס מזל ברכה.
די וויוויערקעלע הונגערט נעבאך צו,
קוים שלעפּט זי נאָך די פיס,
און ארבעטנדיג, פאַדענדיג אָן רו,
דערזעט זי אָפּטער, לויפנדיג פאַרבײַ:
די חברטאָריגס שפרינגען אויף די צווײַגן
און קנאקן ניסלאַך לעבעדיג און טרײַ
און זי מוז נעבאַך הערן, זען און שווײַגן.
אמאָל טוט זי א שפרונג צו זײ
און כאַפּט א ניסעלע צי צווײ
אינמיטן אָבער, אָנגעפּרײַט זיך קוים,

מ׳רופט איר שוין אוועק;
זי איז דאָך אָבער א שכיר־יום
איז צו איר גאנצער פרייד א סוף אנ׳עק!
אזוי פאַרגייען טעג און יאָרן,
די וויוועריקע איז אלט געוואָרן,
פאַרמוטשעט, אויסגעהונגערט, שוואך,
און האָט זיך אויסגעשתדלט א אָטסטאַווקע.
מ׳מוז אויך זאגן צו איר פריצס שבח:
זיין וואָרט האָט ער געהאלטן דוקא,
געשיקט זיין וויוויערקע א וואָגן נים
און טאקי מן המובחר: גרויס און פעט און זיס.
פאַראַן דא אבער איין חסרון:
די וועוויערקעלע האט שוין אירע ציין פאַרלארן.

ס. דער מוסר און די שלאנג.

מ׳זאגט אפילו, אז ביי די טייוולאָנים
איז קנאַפּ־וואס דאָ ישרנים,
נאָר דאס איז ניט אינגאנצן ריכטיג.
פאראן אן אלטער משל; ווער עס קען אים,
דער ווייס, אז אויך אין סאמע גיהנום
איז נאך דער יושר וויכטיג.

——

אין גיהנום, וואו עס זיצן אויך אַודאי
דער מוסר און די שלאנג, האט מען א מאל
געמאכט א פייערלאכע פּראמענאדע.
שפּאציִרן משאטעסווייז רשעים אן א צאל,
פון ערשטן ביזן לעצטן מדור,
פון שורע־כורע און פון גאלדן־אדער.
דארף פלוצלינג אויסקומען דעם מוסר מיט דער שלאנג
צונויפּטרעפן זיך אויפן גאנג
און ביידע שפּאַרן, האמפּערן זיך לאנג
ווער בילכער איז צום גיין פאראויס,
ס׳הייסט: ווער קען זיך מיט מער חטאים רימען.
דער מוסר שטעלט זיין צונג ארויס

דיִ שלאנג דעם גיִפט וויִ ער איִז גרויס—
אויף זייער זיִנדיִגקייט א סיִמן.
דער שר של גיהנום זעט עס
און זאגט: נו יע, פאראן ביי ביידן
דיִ ריִכטיִגע „פריִמעטעס,“
אז איִר געהערט געוויִס ניִט איִן גן־עדן,
און דא איז טאקיִ אייער ארט באמת
נאר אויב איִר שפארט זיִך פאר א מזרח־שטאט
מוז איִך אייך זאגן אן א רמז,
אז ביִלכער איִז דער מוסר גראד.
אויף בייסן טאקיִ, שלאנג, ביִסטו א מייסטער:
שארף, גיִפטיג, טויטלאך איִז דיין ביִס.
נאר דו קענסט בייסן רק פון נאנט;
דעם מוסרס ציִנגל אבער איִז מיִר גוט באקאנט:
פון דיין גיִפט איִז ער שעדלאכער געוויִס,
וויייל איִ פון נאנטן א פון וויטן בייסט ער,
און וויִפיִל רשעות דו זאלסט ניִט צוטאן—
איִן גיהנום קומט נאר איִם דער אויבנאן,
דעריִבער—
זיי מוחל, שלאנג, לאז איִם אריִבער.

סא. דער מאגנאט.

פארצייטן האט א שר פון די מאגנאטן די געוויסע
פארלאזן זיינע פרעכטיגע סאלאנען
און איז אוועק אין די מקומות פון פלוטאנען:
ס'הייסט, איינגענומען פראסט א מיתה.
לויט די אמאליגע מנהגים.
קומט באלד דער מלאך־דומה, טוט א זאג אים:
דיין נאמען און עסקים—זאג מיר מיט א טאלק!
—„פון פרס בין איך א סאטראפ,
געהאט צו שאפן אויף א גאנצן פאלק;
נאר מיין געזונט פלעגט רק זיין שוואך און קנאפ,
האב איך געטראגן בלויז דעם נאמען שר,
געוועלטיגט אבער האט מיין סעקרעטאר.״
—און וואס פלעגסטו אליין טאן, ליבער הארץ?—
—„כ'פלעג נאר אין שיסל און אין בעכער קוקן
און חתמענען, וואס ער פלעגט אונטערררוקן.״—
—גיך פירט אים אין גן־עדן אפ!
א יונגער מלאך שאקלט מיטן קאפ
—געהערט אמאל א סברה?
אזא מין פוילער שררה,

וואס טוט קיין זאך ניט, רק ער לעבט אין פרייד׳ן,
זאל ירשענען א חלק אין גן=עדן?—
—מיין קינד, דו זעסט דאך, אז דער האר
איז, לא עלינו, גאר א גרויסער נאר;
היינט ווען ער וואלט נאך מיט זיין קראפט
געפרובט באווייזן בריהשאפט,
ביסטו א מבין, פיל אומזיסטע טרערן
עס וואלטן איבער אים פארגאסן ווערן
את טאקי נאר דערפאר
קומט אים א גרויסער שכר,
וואס ער האט ניט געשטערט זיין קלוגן סעקרעטאר!

———

כ׳האב נעכטן אין געריכט געזען א דיין:
נו, ער וועט אין גן=עדן שוין געוויס אריין.

סב. דער אלטער און דער טויט.

עס גייט אן אלטיטשקער אין דרייען איינגעבויגן
און טראָגט אַ פּאַק אַ גרויסן אויפן פּלייצע;
עס מישט אין קאָפּ, עס שווינדלט און די אויגן,
נאָר שלעפּן מוז מען, ס׳העלפט ניט קיין שום עצה.
טיף קרעכצט ער אונטער זיין צו שווערער משא,
פון שווייס איז שוין זיין העמד א נאַסע,
לסוף שטעלט ער זיך אָפּ אין וועג,
ער לייגט דעם פּאַק אויף דר׳ערד אַוועק
און זעצט זיך צו דאָרט נעבן טויער,
פאַרטיפט אין צער און טרויער.
—געוואַלד, למאַי ווערט גאָר דער אָרימאַן געבאָרן,
אַז שוואַרץ און פינסטער זיינען זיינע יאָרן...
דער ביסן ברויט
קומט אָן מיט טויט,
אין שטיבל פינסטער, שמוציג, אייננ,
די קינדער ליידן אַלע קרייננק.
הייַנט הויכט זיך אָן א סדר
פון מאַכן שיך און קליידער,
ראש חדש שיקן געלט אין חדר.

אַזוי איז יעֶדעֶר טאָג
פול זאָרג און פלאָג.״
און קרעֶכצנדיג און שילטנדיג זיין נויט,
פאַלט ער אַריין אין יאוש, רופט אויף זיך דעֶם טויט.
דעֶר מלאך־המות
פאַרשטייט ניט קיין קאַטאָוועֶס
עֶר קומט אַראָפּ צום אַלטן
און פרעֶגט אים מיט אַ טאָן אַ קאַלטן:
„וואָס רופסטו מיך, מעֶנש, לאָז מיך הערן!״
דעֶרזעֶן דעֶם טויט ביים זייט
חעֶרט יעֶנעֶר בלאַס ווי קרייט
און זאָגט: אָך יעֶ, פאַרגיב מיר אָט דעֶם פּאַק דעֶם שווערן!—

———

איר ווילט א פירוש נאָך דעֶרויף?
עֶס ליגט דאָך אויבן אויף:
דעֶר לעֶבן מעֶג זיין ווי פאַרדאָרבן,—
אַלץ בעֶסעֶר ווי געֶשטאָרבן.

סג. די פויערים און דער טייך.

א טײַכל האָט זיך פּסח־צײַט צולאָזן
און האָט פאַרפֿלײצט די לאָנקעס מיט די גראָזן,
די פעלדער מיט די תבואות,
אַ פערד, אַ שעפּסעלע, אַ קו,
א מיל, אַ שטוב, דעם שטאַל דערצו,—
וואָס נאָר זי טרעפט, באַלד נעמט זי צו עס.
עס שטײט אין דאָרף אַ קלאָג א יאָמער:
די גאַנצע ביסל האָב און גוטס ניטאָ מער.
די פויערים פאַררופן אַן אסיפה
און נאָך וויכוחים קאָכיגע און טיפע
בלײַבט: גײן צום גרויסן שכנותדיגן טײַך,
באַקלאָגן זיך אין זײַנע אויערן,
פאַר וואָס זײַן קלײַנער חבר איז צו אים ניט גלײַך.
אָט ער פליסט רוהיג און געלאַסן
פאַרבײַ די גרעסטע שטעט, די שענסטע גאַסן,
און רירט ניט אָן קײן פרעמדע מויערן,
הגם ער איז אין וואַסער זײער רײַך.
נאָר קומענדיג צום טײַך גאָר נאָנט
האָט יעדער פויערל דערקאָנט

דאָ שווימענדיג ביי אַלע ברעגן
אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן.
באַלד האָבן זיך די אָנקלאָגערס פאַרטראַכט:
דער גרויסער טייך וועט זיין מסתמא טויב
צו אַלע קלאָגערייען וועגן רויב,
אויב אַלץ ווערט אים נעבראַכט.
און באַלד, ניט ריידנדיג קיין וואָרט,
פאַרלאָזן זיי דעם אָרט.

סד. דער פארשווענדער און די שוועלבל.

גענוען אמאל א יונגער בחור,
וואס האט אויף נארישקייט אזוי פיל געלט פארדארבן,
אז ס'האט אים קיינמאל ניט געקלעקט דעם טאטנס וואכער.
און אז דער רייכער טאטע איז געשטארבן,
האט ער צו דער ירושה זיך געטאן א נעם,
און ס'איז געגאנגען ווי אויף פוטער,
אזוי אז באלד איז אים פון דעם
געבליבן נאר—איין פוטער,
איז דאס, ווייל דאמאלס איז געווען
די ווינטער-צייט אין גרעסטן ברען,
האט ער געשראקן זיך פאר קעלט.
נאר איינמאל האט/דער וואוילער יונג דערזען:
עס פליט א שוועלבעלע פון פעלד.
טראכט ער אזוי:
„דאס ווייס דאך יעדערער גענוי,
אז שוואלבן קומען נאר פאר זומער,
טא זאג זשע מיר, מיין ליבער פוטער,
אויף וואסער גוטע יאר טויגסטו מיר?
אויב דו ביסט ווינטער מיר געווען א פריינד א גוטער,

ווּעסטוּ מיר איצט נאָר זײַן צו לאַסט,
בעת איך שפּיר שוין דעם געטרײַען גאַסט,
וואָס וואַרעמט און באַשײַנט די וועלט
און מאַכט אַ סוף צו פראָסט און קעלט.״
ניט לאַנג געוואַרט,
האָט ער פאַרזועצט זײַן פוטער אין לאָמבאַרד.
פאַרגעסן האָט ער אָבער דאַן,
אַז ס׳איז א ווערטעלע פאַראַן:
„איין שוועלבל מאַכט נאָך ניט קײַן זומער!״
און טאַקי באַלד, איך ווייס ניט ווי,
האָט אָנגעהויבן זיך דער אמתער „ויהי,״
א סדרה פול מיט צער און קומער!
דער ווינטער איז צוריק געקומען,
באַדעקט די שײַבעלאַך מיט בלומען.
עס שרפּעט גאָר אין דרויסן
פון פראָסט דעם גרויסן,
דעם בחור ציטערט יעדער גליד,
נאָר זײַן געטרײַען פוטער האָט ער ניט.
ער לויפט מיט כעס
פון גאַס צו גאַס.
וואָלט ער די שוועלבעלע געפּאַקט
וואָלט ער אויף פּיצלאַך איר צוהאַקט
אַמאַי צוליב איר בשורה אָט דער גוטער

האָט ער פאַרשפּילט זײַן לעצטן פּוטער.
נאָר יענע שוועלבל איז פון קעלט און נויט
אין נאַס געלעגן טויט.

סה. דער וואלד־פארלאמענט.

מעג זײַן אַ וואָסער ס'איז רעזשים,
אויב נאָר דער פירער איז א פּאָלשער מאַן,
וועט ער שוין אויסזוכן א פלאן,
ווי מיסכרויכן מיט אים.

———

עס האָט אמאָל דער וואָלף דער רשע
צום לייב דערלאַנגט א אונטערטעניגסטע בקשה,
מ'זאָל אים פּאַר א עלטסטן אויף די שעפּסן מאכן.
געהאַט האָט ער צו לייבּיכען א בריף
פון איר באַקאַנטן פוקס, אַז ער האָט אַ באַגריף
אין אַלע מינים קהלשע זאכן.
נאָר ווײַל דער וואָלף האָט דאָך א שלעכטן שם,
וואלט זײַן אביסל ניט באַקוועם,
גלאט הענדום־פּענדום אים באשטימען;
ס'וואָלט זײַן א שלעכטער סימן
מכוח אונזער לייבס מלוכהשער סיסטעם.
האָט מען געהייסן באלד
די חיות אויפרופן אין וואַלד
און זיי האָט מען באַפוילן,

אז וואָס מ'ווייס פֿון וואָלף זאָל מען אלץ זאָגן,
קיין שום זאך ניט פֿאַרהוילן,
און נאָכדעם וועט מען אַלץ דעם לייב דערטראָגן.
די חיות האָבן זיך פֿאַרקליבן,
און לויט די טענות, על פּי־יושר,
איז אונזער וואָלף א צדיק גאָר א גרויסער.
און ביי דעם עולם איז פֿארבליבן,
מ'זאָל דערלאַנגען אים א „כּוח והרשאה",
אז פֿאר א שעפּסן־היטער איז ער ראוי.
איז דאָך פֿאַראַן דאָ א „ואם תּאמר":
צי האָבן אויך די שאָף געוואָלט דעם שומר?
איז אָבער שוין אַן אלטע שיטה
ביים לייבס אלייןהערשינגער שליטה:
אַן עצה פֿרעגט מען ביי די ווילדע חיות,
מיט שעפּסן מאכט מען ניט קיין שום הויזות:
מ'רופט זיי נאָר אין באָינע צו דער שחיטה.

כו. די קראָ

חער ס׳וויל מ׳זאָל פֿון אים ניט לאַכן,
זאל נאר פֿון זיך קיין פּירוש מאַכן,
ניט קריכן אין די הויכע פענסטער,
ניט וועלן זיין דער בעסטער און דער שענסטער.

———

א קראַ האט אנגעשטאפּט אין עק
א בינטל פּאווע־פעדערן
און איז אוועק
מיט פּאוועס אין שפּאציר,
נעוואָלט פאר יעדערן
פֿון איר ליבהארציגער משפּחה
בארימען זיך מיט איר מערכה;
מ׳זאל זיך חידושן אויף איר
און לויפן אויף טשיקאוועס
זען ווי זי פּראַנטעוועט מיט פּאוועס,
אין גאנצן וואלד די שענסטע צירונג.
נאר ס׳איז נאך ניט אוועק קיין שעה,
האט אונזער גדולדיגער קרא
באצאלט גאנץ טייער פאר איר פירונג:
די פּאוועס האבן איר צופּיקט,

דיִ פֿעֶדערן צופּליִקט
און איִר געלאזן מיִט איִר יחוס
איִן הוילעֶ פליִכעֶס.
קוים לעֶבעֶדיִג פון זיֵ אנטלאָפן,
האט זיִ א מחנה קראעֶן אנגעֶטראָפן
און האט געֶפרובט מיִט זיֵ זיִך האלטן גאנץ,
נאר דארט האט מעֶן די פליכעֶוואטעֶ ניִט דעֶרקאָנט
דיִ קראעֶן האבן איִר געֶצופּט, געֶביִסן,
און ביִזן לעֶצטן פֿעֶדעֶר אויסגעֶריִסן.
עֶרשט דאַמאלס האט דיִ קרא פֿארשטאנעֶן,
אז זיִ איִז פון דיִ קראעֶן אפגעֶשטאנעֶן,
צו פּאוועֶס אויך ניִט צוגעֶשטאנעֶן.

———

דעֶרצו וויִל איִך א מעשהלעֶ דעֶרציֵילן:
אברהמל שיֵינקעֶרס מיֵידל חוקעֶ
האט זיך פֿאַרגלוסט א מאן א יחסן דוקא,
וויַיל זיִ קעֶן אלף קעֶרבלאך ציֵילן.
האט זיִ געֶפּאַקט א גביִרס א זון.
איז וואס דעֶר סוף דעֶרפון?
דיִ נייַעֶ קרובים האלטן זיִך נאר איִן איֵין בלאָזן,
דיִ אלטעֶ האבן איִר פֿארלאָזן;
איִז אונזעֶר האָפֿעֶרדיִגעֶ חוה
געֶבליִבן ניִט קיַין קרא און ניִט קיַין פּאַוועֶ.

סז. צוויי פעסער.

עס פֿאָרן פעסער צוויי:
אַ פֿעסל וויַין אַ יוסטע
און נאָך איינע אַ פוסטע.
די ערשטע פֿאָרט פּאַמעלאַך אָן געשריי,
די צווייטע דונערט, טומלט, שרייט
און לאָזט אַ שטויב אין אַלע זייטן;
ווער ס׳גייט אַדורך פֿאַררוקט זיך אָן אַ זייט,
דערזעהענדיג די פאַס פון וויַיטן.
נאָר כאָטש זי ליארעמט, האַוועט שענער,
א גוטן טרונק באַקומט מען פֿאָרט פֿון יענער.

———

און דער וואָס מאַכט פון זיך א טומל אין דער גאַס.
איז ער ניט גלייַך צו אָט דער פוסטער פֿאַס?

I.

העבריאיזמען:

זייט 6 שורה 4 פון אונטן: מדובר—פאָרגעלייגטער חתן
" 7 " 7 " איבן: נכבדות—א שדוך
" 10 " 5 " אונטן: קושן די מזוזות—גיין פון דאַנען
" 12 " 7 " ": עובדא—אַקציע, טאַט.
" 15 " 1 " אויבן: אוקינוס—אָקעאַן, גרויסער ים.
" " " 5 " אונטן: אָן שהיות—ניט געזאַמט.
" " " לעצטע: נתפרסם—באַרימט.
" 16 " 10 " איב: פליאה—וואונדער.
" " " 7 " אונטן: נעונד—פאַרוואָגלט.
" 18 " 3 " אויבן: הפלאה=מעשות—וואונדער=מעשות
" 21 " 4 " ": מדות=רעות—שלעכטע געוויינהייטן
" " " " " אונטן: זהב טהור—ריינע גאָלד.
" 23 " 7 " אויבן: אשת=אישניק—א מאַן, וואָס זינדיגט מיט א פרעמדער פרוי.
" 26 " 6 " ": טהור=טמא—ריין צי אומריין.
" " " 9 " ": מצרף זיין—צורעכענען.
" " " 10 " ": הילך—גאַנג.
" 27 " 2 " ": ימים הקדמונים—פאַרצייטן.
" " " 8 " ": אבר מן החי—פון א לעבעדיגער זאַך.
" " " 9 " ": מגלה=זיין—אויסזאָגן.
" " " 13 " ": חייב—שולדיג.
" " " 16 " ": קהל ועדה—ברייטער עולם
" " " 4 " אונטן: עגלה=ערופה—אַ קרבן.
" 28 " 2 " ": יישר כח—דאַנק.
" 29 " 7 " אויבן: פסול—פעלער.
" 30 " 8 " אונטן: מקום=מנוחה—רו=אָרט.
" 31 " לעצטע: מקיים פסק—אויסגעפירט דעם משפט.
" 32 " 9 " אויבן: אמת לאמיתה—ריכטיגער אמת.

זייט 32 שורה 10 פון אונטן מתנת אלוקים—גאָטס גאָב.
„ „ „ 3 „ „ מסיכתא—אָפּטיילונג.
„ 33 „ 5 „ אויבן: תועלת—נוצן.
„ „ „ 8 „ „ אסיפה־גדולה—גרויסע פאַרזאַמלונג
„ „ „ 10 „ „ שבעה טובי העיר—זיבן
בעסטע שטאָט לייט.
„ „ „ 4 „ אונטן: בפרהסיא—עפנטלאַך.
„ 35 „ 10 „ „ אין להעשיר—יאָגט זיך רייך ווערן
„ 44 „ 6 „ אויבן: בפרטות—גענוי, אין איינצלהייטן.
„ „ „ 2 „ אונטן: אויף מיין „הן”—אויף מיין וואָרט.
„ 47 „ 7 „ אויבן: דבר אחר כמה שנאמר—
אַ ריכטיגער חזיר.
„ 48 „ ערשטע: בעל־הגוף—רייכער פויער.
„ „ „ 5 פון אויבן: ויש אומרים—אַנדערע זאָגן.
„ 50 „ 2 „ „ אין אונס—קיינער צווינגט ניט.
„ 51 „ 3 „ „ לעולם תקח—שטענדיג נעם.
„ 52 „ 9 „ „ בגלופין—לוסטיג, שכורלאַך.
„ 54 „ 8 „ אונטן: התבודדות—איינזאַמקייט.
„ „ „ 3 „ „ בפרישות—אָפּגעזונדערט.
„ 58 „ 4 „ אויבן זכיות—פאַרדינסטן.
„ „ „ 8 „ „ שתדלנות—פּראָטעקציע.
„ „ „ 9 „ „ ליצנות—געלעכטער.
„ „ „ לעצטע: פטור—אָפּזאָג, דעמיסיע.
„ 61 „ 4 פון אונטן: תנחומים—טרייסט.
„ 62 „ 4 „ אויבן: תיקום—ניט פאַרענטפערטע
פּראָבלעמען.
„ „ „ 5 „ „ מרדות—אויפרעגונג, אויפשטאַנד.
„ „ „ 7 „ „ מנהיג־עולם—וועלט־פירער, גאָט.
„ „ „ 6 „ אונטן: פמליא—סוויטע.
„ 68 „ 6 „ אויבן: רך־לב—ווייכהאַרציג.
„ 72 „ 9 „ אונטן: אַ מהודר—אַ צאַצקע.
„ 73 „ 8 „ אויבן: פלאי פלאים—וואונדער
איבער וואונדער.

זייט 73 שורה 12 פון אויבן: כהרף עין—איין אויגנבליק.
„ 74 „ 7 „ „ „יעלה"—אַ קלאָג.
„ „ „ לעצטע: חלוש—שוואַכער.
„ 76 „ 3 פון אויבן: עפר־רמה—ערד און ווערים (נישטיג).
„ 78 „ 7 „ אונטן: תחומען—געביטן, גרענעצן.
„ 82 „ לעצטע: מתנת־יד—כאַבאָר.
83 „ 4 פון אויבן: פרטים און דקדוקים—אַלע פיטשעווקעס.
„ „ „ 7 „ „ על צד היותר טוב—אויפן בעסטן אופן.
„ 85 „ 8 „ „ חלשות־פנים—מיאוסער פנים.
„ 86 „ 3 „ „ בהכנעהדיג—אונטערטעניג.
„ 94 „ 7 „ אונטן: שכונה—נאַכבאַרשאַפט, סביבה.
„ 95 „ 7 „ „ „מתן בסתר"—צדקה אין דער שטיל
„ 109 „ 2 „ „ כזית—קליין שטיקעלע.
„ 111 „ ערשטע: חקרן—אויפנעקלערטער.
„ 112 „ „ מערה—הייל.
„ „ „ 4 „ אונטן: העויות—מינעס (הויות—פשטלאַך)
„ 114 „ 6 „ „ משא־מתן—געשעפט.
„ 118 „ 3 „ אויבן: מהיכי תיתי—זאָל זיין אזוי; מילא
„ 121 „ 5 „ „ בקי—קלאָר.
„ „ „ „ „ תגין—פרטים.
„ 123 „ 9 „ „ אריכות—א סך רייד.
„ 124 „ 3 „ „ נזהר—אָפגעהיט.
„ 125 „ 11 „ „ מסוכן—געפערלאַך.
„ „ „ 6 „ אונטן: סגינהור—בלינדער.
„ „ „ לעצטע: חמרים—פעק.
„ 132 „ 9 „ אויבן: בור—גראָבער יונג.
„ 133 „ 16 „ „ ידען—קענער.
„ „ „ 17 „ „ יורש עצר—טראָנפאָלגער.
„ 139 „ 2 „ „ שכיר־יום—טאָג־אַרבעטער
„ „ „ 3 „ אונטן: מן־המובחר—די בעסטע.

IV.

זײַט 140 שורה 11 פֿון אויבן: מדור—אָפּטײלונג.
„ 141 „ 9 „ „ רמז—אָנװאונקעניש.
„ 142 „ 6 „ „ „ מלאך־דומה (דומה)—מלאַך פֿון קבר
„ 143 „ 4 „ „ „ לא עלינו—ניט פֿאַר אונז געדאַכט
„ 145 „ 4 „ „ „ יאוש—פֿאַרצװײפֿלונג.
„ 149 „ 11 „ „ „ „ויהי"—אַ צרה.
„ 152 „ 8 „ „ „ כוח והרשאה—באַפֿולמעכטיגונג, מאַנדאַט.
„ „ „ 9 „ „ „ ראוי—װערט.
„ „ „ 10 „ „ „ ואם תאמר—א שאלה.
„ 153 „ 11 „ „ „ מערכה—מזל, דאָליע.
„ 154 „ 5 „ אונטן: אלף—טויזנט.

דרוק פעלערן.

זײַט	13	שורה	2	פון	אונטן	שטײַט	מערדײַנע	דאַרף שטײַן	מער דײַנע.
„	33	„	7	„	אויבן	„	ווײלע	„	וואײלע.
„	56	„	7	„	אונטן	„	וועל זיך זיצן	דאַרף שטײַן	וועל זיצן.
„	84	„	3	„	אויבן	„	געסאַכט	דאַרף שטײַן	געמאַכט.
„	103	„	2	„	„	„	לאַפּאַנטענען	„	לאַפּאָנטענען.
„	109	„	4	„	„	„	אויף לחיים	„	אויף א „לחיים"
„	117	„	5	„	„	„	רשעוית	„	רשעות.
„	„	„	2	„	אונטן	„	די האַק	„	באַלד די האַק.
„	118	„	11	„	אויבן	„	יט	„	מיט.
„	126	„	2	„	„	„	האָט	„	האָב.

קרילאָװס משלים.

אידיש
פסח קאפלאן

צװײטע אױפלאַגע

צװײטער באַנד

פֿארלאג
א. אלבעק
ביאַליסטאָק.

1921.

דרוק מ. פרושאנסקי ביאַליסטאָק.

פארלאג
א. אלבעק
ביאליסטאק

קרילאָוום משלים.

אינהאלט פון ערשטן באנד.

		זייט
א.	די זשאַבע און דער אָקס	7
ב.	די שקאַטולקע	8
ג.	דער אָראַקל	10
ד.	די קאָרן-בלום	12
ה.	דער וועלדל און דער פּייער	14
ו.	דער טשיזש און דער יאָוש	17
ז.	די מאַלפּעס	18
ח.	דער אייזל	21
ט.	די מאַלפּע און די ברילן	24
י.	דער אדלער און די הינער	26
יא.	די הלוקח	28
יב.	דער הײשעריק און די מוראשקע	30
יג.	דער האָז אויף דער יאַבט	32
יד.	דער העכט אין דער קאָטער	34
טו.	די פורן	36
טז.	דער אייזל און דער סאָלאָוויי	38
יז.	די מאַלפּעס	40
יח.	דער זאַק	42
יט.	די קעכן און די קעצל	45
כ.	דער בוימעלע	74
כא.	די גענז	49
כב.	דער קוואַרטעט	51
כג.	די בלעטער און די וואָרצלען	53
כד.	דער שוואַן, דער העכט און דער ראַק	55
כה.	בערלס קאַפּאָטע	56
כו.	דער פערד און דער רייטער	57
כז.	די מויז און דער שטשור	59
כח	דער טשיזש און די טײבל	60
כט.	דער שפּיגל און די מאַלפּע	61
ל.	דער שאָטן און דער אינגל	62
לא.	דער לייב און דער וואָלף	63
לב.	דער וואָלקן	64
לג.	דער אייזל און דער פויער	65
לד.	דער בער אין נעץ	67
לה.	דער פוקס און דער אייזל	69
לו.	צוויי הינט	71
לז.	די קאַץ און דער סאָלאָוויי	4
לח.	דער פויער און דער פערד	76
לט.	דער סוחר	78
מ.	דער הונט און דער פערד	79
מא.	דער וואסערפאל און דער טײכל	80
מב	דער סאָלאָוויי	81
מג.	דער הונט	83
מד.	דער שלאנג	85
מה.	דער לייב און דער פוקס	87
מו.	א בער א מתמיד	88
מז.	די זשאבע	90
מח.	דער פויער און דער הונט	92
מט.	די מוראשקע	94
נ.	דער פויער און דער פוקס	96
נא.	די קראָ און די הון	98
נב	דעם בערס סעודה	100
נג.	דער פילאָזאָף	102
נד.	די בין און די פליגן	105
נה.	די וועווערקע אין ראָד	107
נו.	דער ליגנער	108
נז.	הינטישע חבר־שאפט	112
נח.	די דורכגייערס און די הינט	115
נט	דעם עלפאנטס הצלחה	116
ס.	דריי יונגע און אַן אלטער	117
סא.	דער פויער און זיין קנעכט	119
סב	די בעל־הביתטע מיט די דינסטן	121
סג	דער לייב	124
סד.	דער לייב אויף דער עלטער	126
סה.	די לעשטשעס	128
סו	דער פאסטוך און דער ים	129
סז.	די סארנע און דער דערוויש	131
סח.	אפעלעס און דער אייזל	132

א. די זשאבע און דער אָקס.

אַ זשאַבּעֶ האָט דערזעֶן אַ אָקס אַ גראָבּן,
פאַרגלוסט זיִך איִר אַזאַ מיִן רוקן האָבּן,—
נעֶהאַט כּיִן נייַן מאָס קנאה.
זיִ בּלאָזט זיִך, ציִט זיִך מיִט אַ בּרייַטעֶר מיִ־נעֶ.
—בּאַטראַכט נאָר, חברטעֶ, כּיוועֶל זייַן ווי עֶר?—
טוט זיִ אַ פרעֶג.—אוי, זייַעֶר שווער!
—טאָ קוק זיִך צו, איִך גיִבּ זיִך נאָר אַ בּלאָז;
נו, איִצטעֶר וואָס?
שוין דיִק?—נאָך ניִט!—און איִצט?—
—אַלץ אייַנס!—דיִ זשאַבּעֶ סאָפּעֶט, כראָפּעֶט, שוויִצט,
לסוף הערט זיִ פון בּלאָזעֶניִש צוזעֶצט
און פּגרט נאָר צולעֶצט.

ב. די שקאַטולקע.

צו אייגעם האָט מען אַ שקאַטולקעלע געבראַכט,
אַרומגעאַרבעט קונציג־שיין.
ווער ס'זעט איר בלייבט פאַרחדושט שטיין:
סאַ יופי, כאַראַ פראַכט!
דערווייל קומט אָן אַ בחור אַ מעכאַניק,
ער קוקט אויף דער שקאַטולקע מיט גרויס תענוג
און זאָגט: נו יאָ, דאָ שטעקט אַ סוד!
שאַ, וואָס איז דאָס?
זי איז דאָך אָן אַ שלאָס!
נאָר עפענען וועל איך איר גראָד!
יאָ, יאָ, וואָס מאַכט איר דאָרט ליצנות?
זייט זיכער, איך וועל טאָן עס
אָט באַלד, אָן שהיות!
איך האָב דאָך אין מעכאַניק עפּעס גרויסע בקיאות!—
צו דער שקאַטולקע זיך געכאַפּט,
געטרייסלט איר, געטאַפּט, געקלאַפּט,
געדרייט ארויף־אַראָפּ,
באַטראַכט, געעבדקנט איטלאָכס ברעקל,

וואו נאָר אַ שרייפּל, וואו אַ טשוועקל;
אָט דאָ אַ דריק און דאָ אַ ציִ,
געפּרובט אַזוי צי אַנדערש וויִ,
עס פּלאַצט אים שיר זיין קאָפּ.
אַרום אים שטייען לייטן
און האַלטן זיך שוין ביי די זייטן;
און ער צוקאָכט זיך, שרייט געוואַלד:
ניט דאָס, ניט דאָרט, אָט דאָ, שוין באַלד!
לסוף בלייבט ער צוהיצט, פאַרשוויצט,
דאָס האַרץ פאַרקלעמט, די ציין פאַרקריצט,
און די שקאַטולקעלע האָט ער פאַרלאָזט.
נאָר די שקאַטולקע עפנט זיך גאָר פּראָסט!

ג. דער אָראַקל.

אַ געטש פון האָלץ

שטײט אין אַ טעמפּל ברײט און שטאָלץ

און האָט אַ מאָדנע מעלה:

ווען עמיץ קומט און פרעגט בײַ אים אַ שאלה,

באַשײט ער אים גאָר אָן שום שהיות

מיט עצות, חכמות און נביאות.

דערפֿאַר איז מען צו אים געגאַנגען

פון אַלע קאַנטן

און אים באַהאַנגען

מיט גאָלד און זילבער און בריליאַנטן,

אים בלומען־קרענץ געפלאָכטן,

קרבנות אים געשחטן,

אַרומגערינגלט זײער הײס אים

מיט װײַראַך, תפילות און תעניתים

און אים געגלויבט אַלץ בלינד.

נאָר פּלוצים—ווײ און ווינד!—

איז פונם געטלאַכן אָראַקל

געװאָרן גאָר אַ מיאוסער סך־הכל;

אָנשטאָט נבואה־רײד און עצות קלוגע,

הױבט ער אָן פּלנידערן גאָר היי משוגע.
דער עולם קניט פֿאַר איהם און בעט,
און ער האָט זיך צורעדט
אויף שטיינער־ביינער, חיכטע פֿעלדער, פּוסטע מויערן!
דער עולם גלויבט ניט זיינע אויערן;
וואָס איז געװאָרן מיטן גאָט!
האָט אָבער גראָד
געשטעקט דערין אַ טיפער סוד:
דער געטש איז גלאַט געװען אַ פּוסטע כלי,
דערינען פלעגט אַ כומר זיצן
און שיטן מיט נבואות מיט די װיצן.
איז מילא,
אַ קלוגער כומר פלעגט געפינען
אויף אַלין אַ תשובה שוין אַ גרייטע,
האָט מען דעם געטש געהאַלטן פֿאַר אַ חכם;
נאָר זינט ס'האָט זיך אַריינגעזעצט דערינען
אַ כומר עפּעס גאָר אַ שוטה,
איז אונזער געטש—אַז אָך און בראָך איהם!—
געװאָרן באַלד צו שפּאָט און שאַנד
אין גאַנצן לאַנד.

———

דעם שופט רימט מען אָפּט דערפֿאַר
װײַל ס'זיצט בײַ איהם אַ קלוגער סעקרעטאַר.

ד. די קאָרן-בלום.

אַ קאָרן=בלום, אין ברייטן פעלד צובליט,
האָט פלוצים נאַכטצייט, ניט באַוואוסט פון וואַנען,
גאָר אָנגעהויבן קרענקען, וויאַנען,
פאַרוואַרפט די קעפל שוואַך און מיד
און שטייט און וואַרט נאָר אויף איר מיתה.
פאַרהאַלט זי דעם זעפיר,
ניכט אוים פאַר אים איר ביטער האַרץ:
„אוי, ברודערל, אז אָך און וויינד איז מיר!
קוק=צו, ווי איך בין חושך=שוואַרץ!
וואָלט קומען שוין די זונעלע די זיסע,
באַלייכטן אַלץ מיט אירע שטראַלן,
וואָלט אפשר אויך אַ שיין אויף מיר געפאַלן!“
דאָס הערט אַ זשוק
און זאָגט: טוט נאָר אַ קוק,
ווי דאָס איז קלוג!
דו מיינסט, די זון די ליכטיגע
האָט בלויז איין זאַך אַ וויכטיגע,
השגחה געבן ווי דו בליסט?
וואָלסטו געלעבט, ווי איך, און הויך געפלויגן,

וואָלסטו געזען אַליין מיט דײַנע אויגן,
ווי זאַט די גרויסע וועלט געניסט
איר וואַרימן און ליבן שײַן,
וואָס איז מחיה יעדערן,
די גרעסטע לײַבן, אָדלערס, צעדערן.
איז מילא זיי, דער בחיר פֿון אונזער ערד,
וואָס אויך די צײַט, דער שניטער, מוז זיי שוינען
און לאָזט זיי אויף רער וועלט לאַנג וואוינען,
זיי זײַנען איר השגחה ווערט;
נאָר דו, מײַן שפּלריגע בריאה,
ווי קומסטו נאָר צו אָט דער זכיה,
די זון זאָל אויף איר הימלשער נסיעה
מיט אירע ליבע בליקן
אויך ד.ר דערקוויקן?
אָט בעסער האַלט דײַן מויל
און שטיי און פֿויל!
נאָר אַז די זון איז אויפֿגעגאַנגען
און האָט די וועלט מיט פֿאַן גאָלד באַהאַנג"
האָט דאַמאָלסט אויך די קליינע קאָרן־בלימל
דערהויבן זיך מיט חנוריגן שטאָלץ צום הימל.

ה. דער וועלדל און דער פייער.

בײַם װעלדל ברענט זיך װינטער־צײַט אַ פײַער—
מכּתּם פֿאַרבליבן פֿון אַ קאָסטער,—
קוים טליעט ער, עס פֿעלט אַ האָלץ אַ נײַער.
זײַן לעצטן הויך שוין באַלד פֿאַרבלאָזט ער.
איז ער מישב זיך און זאָגט צום װעלדל שטיל:
„הערסט, ליבינקער, סאַ צער איך פֿיל,
װאָס דו ביסט, נעבאַך, עלנט און פֿאַרלאָזן,
אָן גרינע בלעטעלאַך און גראָזן,
נאָר נאַקעט הויל.
אַ גרוילן!“
דער װעלדל ענטפֿערט: איך בין שוין אַזוי געבוירן;
אין װינטער־צײַט װערט אַלץ בײַ מיר פֿאַרפֿרוירן.
„אָ שטותערײַ, זאָגט אים דער פֿײַער װײַטער,
איך קען דיך אויסהײלן דערפֿון!
בעט מיך און דו װערסט באַלד אַ פֿרישער, אַ באַנײַטער,
איך בין אַ ברודער פֿון דער זון
און קען, װי זי, דערװאַרימען, באַלעבן.
אָט פֿרעג בײַ דער אָראַנזשערײַ:
אין גרעסטן פֿראָסט און שנײַ

זוי שײַן אַלץ בליט און וואַקסט דאָרט כ'לעבן:
עס פּאַסט אַפּילו ניט אַליין זיך לויבן;
נאָר זע, אָט שטייט די זון דאָרט אויבן
און האַלט זיך גדולדיג פאַרריסן:
דער פראָסט דאָ אונטן וויל פון איר ניט וויסן,
ער רײַסט און שרפהט ווי געווען;
און אַרום מיר,—נאַ, מענסט עס זען!—
ניטאָ קיין שניי און פראָסט דאָ וואו איך בין,
עס ווערט אַלץ ווידער פריש און גרין,
אָט פאָלג מיך, ליבער,
לאָז מיך צו דיר אַריבער;
דו וועסט זיך פּשוט זײַן מחיה,
אַ פרילינג־בליהאַכץ קרינגסטו נאָר אַ נײַע."
דער וועלדל לאָזט זיך איבערריידן,
און ס'ווערט חברותא צווישן בײדן.
דער פײַער גלעט אים תחילת ליבלאַך־מילד,
באהויכט און וואַרימט אים באַהאַרצט,
נאָכדעם צופלאַקערט ער זיך ווילד,
פון רויך ווערט אַלץ אַרום פאַרשוואַרצט,
די פונקען פליהען הויך און ווײַט
און צינדן, קנאַקנדיג, פון איטלאַכס זײַט,
און באַלד
ווערט אָפּגעברענט דער גאַנצער וואַלד.

און וואו עֶס פלעֶגן דורכגײעֶרס געֶפֿינעֶן רו
אין זומעֶר־טעֶג און קילן שאָטן,
דאָרט שטײעֶן א צט בלויז וואו ניט וואו
די שטאַמעֶן אויסנעֶברעֶגט און אָפּגעֶבראָטן.
און ס'איז ניט קײַן רבותא:
ווי קעֶן בײַ האָלץ מיט פײַעֶר זײַן חברותא!

ו. דער טשיזש און דער יאָזש.

אין אײַנזאַמקײַט און אינדערשטיל
זינגט זיך אַ טשיזש מיט האַרציגן געפיל,
ניט ווײַל עס גלוסט זיך אים אַ שבת
און ניט פאַר קײַן שום זאַך,
ער זינגט גלאַט ווײַל ער וויל.
דערווײַל איז פון דער טיפער נאַכט
די זון אַרויס מיט גלאַנץ און פראַכט,
הויך איבערן וועלטן־רוים געשוועבט
און אַלץ מיט ליכט און וואַרימקײַט באַלעבט.
אין וואַלד אַרום האָט זיך דערהויבן
אַ כאָלאָווײַען־כאָר, די זון צו לויבן.
דער טשיזשל ווערט אַנטשטומט. אַ יאָזש פרעגט אים:
„וואָס לאָזטו דײַנע לידער מער ניט קלינגען?"
„ווײַל כ'וויל ניט מיט מײַן שוואַכער שטים
די זון באַזינגען!"

ז. די מאַלפּעס.

ווער ס'טוט נאָך יענעם מיט פאַרשטאַנד,
וועט איטלאַכער אים געבן רעכט,
נאָר פּרובט מען טאַפּן גלאַט א וואַנט,
אַי, נאָט באַחיט, זוי ראָס איז שלעכט!
איך ברייננ דערצו אַ משל פון דערווייטן.
עס איז שוין אַ באַקאַנטע זאַך,
אַז מאַלפּעס האָבן ליב אַלץ נאָכטאָן לייטן.
אין אַפריקע, וואו ס'זיינען מאַלפּעס דאָ אַ סך,
האָט זיך אַ חברה אויף אַ בוים פאַררוקט
אויף איטלאַכס צווייג און סיינק
די גאַנצע לייננ
און אויפן יעגער שטילערהייד געקוקט,
ווי ער האָט זיך געבוינן און געבוקט.
זיי זיצן שטיל און הוידען זיך
און טורקען זיך און סודען זיך.
—אַי, חברטע, באַטראַכט דעם יאַט,
ווי ער האָט זיך פאַ־שטיפּט און ווערט ניט זאַט;
אָט בוינט ער זיך,

אָט נויגט עֶר זיִך,
אָט ליִגט עֶר אויסגעֶצויגן איִן דעֶר ברייט
און אָט גאָר ווי אַ קנויל צונויפֿגעֶדרייט.
מיִר קענעֶן, דוכט זיִך, אַלעֶ קונצן מאַכן,
האָט ווער געזעֶן ביי אונז אַזוינעֶ זאַכן?
אוי, שוועֶסטעֶרס טייעֶרעֶ, ס'וואָלט כלעֶבן ניִט געֶשאַדט,
מיִר זאָלן אויך פּרוביִרן; אַפֿשר ווֶעט עֶר
זיִך אָנשטיִפן געֶנוג און גיין, מיִר קומעֶן שפּעֶטעֶר
און מאַכן אויך די קונצן. שאַט,
דעֶר יעֶנעֶר גייט און לאָזט די נעֶץ ביים זייט.
—נו, וואָס?—ווערט אַ געֶריייד—
אַ שאָד די צייט!—
און חברה שפּריִנגט אַראָפּ און גייט שוין.
דאָרט ליִגן נעֶצן אָנגעֶגרייט.
אַרייַנגעֶקראָכן, הויבט מעֶן אָן זיִך דרייעֶן, קנייטשן,
זיִך קייקלעֶן און קאָזיאָלקעֶס קעֶרן,
זיִך וואַרפֿן און משוגע וועֶרן.
דעֶר יעֶנעֶר שטייט איִן וויִנקעֶלעֶ פֿאַרטייעֶט.
אַז חברה איִז שוין גוט פֿאַרשטייעֶט,
קומט עֶר מיִט זעֶקלאַך גרייטעֶ.
די מאַלפּעֶס וויִלן מאַכן פּליטה,
נאָר ס'טשעֶפּעֶט זיִך אַ קניִפּל צו אַ העֶקל;
און דאַמאָלסט איִז זיי קלאָר געֶוואָרן,

צוּ זײַער צער און צאָרן.
אַז ער האָט זיי אַרײַנגענאַרט אין זעקל.

ח. דער אייזל.

בעת גאָט האָט אויף דער נײַער ערד צושטעלט
בהמות, חיות כּלערליי,
איז צווישן זיי
געקומען אויך דער אייזל אויף דער וועלט.
גאָר אויך דער גרעסטער מײַסטער, טרעפט אַמאָל, פּאַרזעט,
מאַכט אָפּ אַ שטיקל אַרבעט נאָר טאַנדרעט,
און אפשר בין־השמשות שוין געווען,
צי סתם פון טרדות ניט דערזען;
דער אייזל איז אַ פּיצעלע אַרויס,
אָט ווי אַ וועוויאָרקע די גרויס,
נאָר מיט אַ היבשע ביסל גאווה,
און גרויסקייט־תאווה.
אים ווילט זיך האָבן
אַ וואוקס אַ גרויסן און אַ גראָבן.
פאַרוואַרפט ער גאָט מיט טענות און בקשות:
אַמאַי די לייבן, בערן און עלפאַנטן,
זיי הערן זיך אין אַלע קאַנטן,
אויף זייער גדול חדושט מען זיך אומעטום;
און ווער קוקט זיך אויף מיר אַרום,

אַז איִך בּיִן אַ פֿאַרזעהעניִש—חלשות!
נייִן, גאָטעניו, עס טאָר אַזוי ניִט בּלייַבּן,
איִך מוז פֿון זייַ דעם שטאָלץ פֿאַרטרייַבּן.
אָט גיִבּ מיִר נאָר אַ וואוקס כּדבעי,
וועסטו זען סאַר הנאה
דייַן וועלט וועט פֿון מיִר קלייַבּן.
דער וואַלד וועט מיִט מיִר קליִנגען,
פּאָעטן וועלן מיִך בּאַזיִנגען!
איִז אַ שעת־רצון גראָד געווען בּייַם בּורא,
בּאַווייַזט ער בּאַלד אַ נס,
און ס׳ווערט דער אייַזל גרויס און גראָב אַ מורא,
אָט ממש נאָר אַ הערקולעס.
און ס׳איִז אַרויס אַ קול,
אַז ס׳לעבּט איִן וואַלד אַ מאָדנע גרויסע חיה.
דער עולם לויפֿט פֿון בּאַרג און טאָל,
בּאַטראַכטן די בּאַשעפֿעניִש די נייַע:
וואָס האָט זי פֿאַר אַ הערנער, ציינער,
צי סטאַרטשען איר ניִט ווילד די בּיינער?
מ׳מאַכט אַ וואַרע,
כאָטש אָנקוקן די מראה.
לסוף האָט מען דעם זעלבּן אייַזל נאָר דערזען,
נאָר כּפֿול־שמונה גרעסער ווי געווען.
האָט זיִך דער עולם שטאַרק צולאַכט

אוּן האָט אַזאַ המצאהלעֶ געמאכט:
וואָס טויג דעֶם אײזל וואַקסן גרויס,
אַז אויך דער נאַר וואַקסט מיט אים אויס!

ט. די מאלפּע און די ברילן.

דיִ מאַלפּע איִז געפאלן אויף דער ראיה.
נעהאַט האָט זיִ פון מענשן א ידיעה,
אז דיִ סכּנה איִז ניִט גרויס, אויב נאָר מ'וויִל
פאַרשאַפן זיך א בריִל
זיִ לויפט און קלייבט צונויף אַ באַרג אַ פולן
מיִט בליִערליִ שפּאַקולן;
זיִ דרייט אַרוּן=אַהער,
פּאַסט אָן זיך אויפן קאָפּ
און רוקט זיי אויף דיִ פּיִס אראָפּ,
זיִ טוט זיי אָן זיך אויפן עק
זיִ גיִט אַ לעק, נאָכדעם א שמעק,
נאָר זען אויף זיי איִז עפּעס שווער.
וואָס זיִ האָט ניִט צוטאָן,
עס הויבט זיך אַלץ ניִט אָן.
—אי, גיי, עס טויג דאָך אויף חוזאת!—
שרייט אויס דיִ מאַלפּע שוין מיִט כּעס—
עס איִז אַ גרויסער טעות,
וואָס מ'פאַרלויבט דיִ מענטשיִשע המצאות;
דיִ גאנצע בבא=מעשה מיִט שפּאַקולן

קעֶן נאָר אומזיסט אַ קאָפּ פּאַרדולן!
און אָנגעבּרוגזט און צוהיִצט,
טוט זי אַ כאַפּ א גאַנצן פּאַק,
דערלאַנגט אים אָן אַ שטיין אַ קנאַק,
אַז פונקעֶן האָבּן נאָר געֶשפּריצט.

י. דער אדלער און די הינער.

אַ אָדלער איז צום הימל הויך פאַרפלויגן,
געווען אין דער געבורטס־לאַנד פונם בליץ,
פון וואָלקנס קילן זאַפט געזויגן,
שפּאַצירט אין ריינעם גלאַנץ פון שטראַל,
לאָזט זיך לסוף אַראָפּ און קלייבט זיך אויס זיין זיץ
דאָרט ערגעץ אויף אַ דעכל פון אַ שטאַל.
ס'איז אפשר פאַר אַן אָדלער ניט גאַנץ פּאַסיג
אַוועקצוזעצן זיך דאָ אונטערן־דער
גאָר צווישן פּראָסטע עופות, שאָף און קי.
און ווידער—
ניט יעטווידערנס שכל קען זיין משיג
דעם טיפן סוד פון אָדלערס פלי:
צי אַ קאַפּריז פון לופטן־העלד,
צי ס'האָט אים דאָרט אין פעלד
אַ הויכער בוים, אַ פעלזנשטיין פאַרפעלט.
ער זיצט זיך אויפן נידעריגן דאַך
ניט גאָר קיין סך,
נאָכדעם די פליגלען ברייט אַ מאַך,
און מיט אַ קונציג־לייכטן שוועבן

קריגט ער זיך דאָרט דערנעבן
אויף נאָך אַ שטאָל אַ מקום מנוחה.
פון אונטן קוקט אַ הון, אַ עלטערע קוואָקטוכע,
און הויבט אָן טענען צו איר חברטאָרן:
דו הערסט, איך בין דאָך עפּעס אָן עין־הרע
אַ הון אין יאָרן:
נאָר זאָל איך ווערן די כפּרה,
אויב איך פאַרשטיי דעם יחוס
פון אָדלערס פלי!
אַ שפּאַס, ער קען זיך וואַנדערן
פון איין שטאָל צו אַן אַנדערן.
אָט בעט מיך שטאַרק, מאַך איך עס
נאָר אָן שום בלאָזעניש און מי.
הײַנט פרעג איך דיך, למאַי
די גאַנצע פלוידערײַ
פון אָדלערס גבורות אין דער פליהערײַ,
אַז ער פליט אינדערנידער
ניט בריהשער פאַר מײַנע שוועסטער־ברידער.
דער אָדלער הערט די גאַנצע טענה
און זאָגט: גערעכט ביסטו, חכמה מײַנע,
דער אָדלער פליט זיך אינדערנידער אויך,
נאָר קײנמאָל פליט די הון ניט ווי דער אָדלער הויך.

יא. די חלוקה.

דרײַ שותּפים האָבן אַ קאַנטאָר
און האַנדלען דאָרט אינאײנעם.
געפירט אַ שותּפות צוויי־דרײַ יאָר,
געמאַכט אַ קאַפּיטאַל אַ שײנעם;
זיך אָפּגערעכנט, טײלט מען די רוחים,
נאָר ס'איז דאָך מענטשן, ניט מלאָכים,
צוקריגט מען זיך, דאָס טומלעניש ווערט גרויס.
דערווײַל טוט עמיץ אַ געשרײַ: „עס ברענט די הויז!"
מ'קלאַפּט זײַ אָן: „לויפֿט גיך אַרויס
און ראַטעוועט די סחורה, די זאַכן,
דעם חשבון וועט איר שפּעטער מאַכן!"
שרײַט אײן שותּף: „אַ שײנער פּלאַן,
מיר קומט דאָך נאָך אַ קערבלאָך ק"ן!"
דער צווייטער רוישט: „איר שטעלט דאָך מיר בּריל הרל;
וואו מײַן פּראָצענט פון קאַפּיטאַל?"
—„און איך גיב אײַך ניט קײן פּיאַטאַקל
מער, ווי ס'קומט אוים לויט דעם סך־הכּל!"—
זײַ ליאַרימען און טומלען הויך
און פילן ניט, ווי ס'שטיקט דער רויך,

באַלד שטייט שוין זייער שטוּב אין פלאַמען,
זיי ווערן אַלע דריי אין איין מאָמענט
פאַרברענט
מיט זייער געלט צוזאַמען.

יב. דער הײַשעריק און די מוראַשקע.

שפּרינגט דער הײַשעריק און זינגט
פרײלאַך, פרײַ דעם גאַנצן זומער,
װײס גאָרניט פון צער און קומער,
פּלוצים, שאַ! דער װינטער קלינגט.
טױט די פעלדער נאַנט און װײַט,
שױן אַװעק די שײנע צײַט,
װען ער קריגט אומזיסטע קעסט,
זינגט און פרײט זיך, שלאָפט און עסט.
אַלץ אַװעק. װאָס װײַטער װײַטער,
אַלץ מער קעלט און דחקות לײַדט ער.
זינגט דער הײַשעריק שױן ניט,
און װי קריכט אין קאָפּ אַ ליד,
װען דער הונגער נאָגט און ציט?
שלעפּט ער זיך, פול זאָרג און שרעק,
צו דער מוראַשקע אַװעק.
—חברטע, אוי האָב רחמנות,
ס'איז מיר איצטער שלעכט סכּנות,
לאָז מיר זײַן בײַ דיר אין געסט,
ביז עס הערן אויף די פרעסט.

—גוטער ברודער, זאָג נאָר דו מיר,
האָסטו כאָטש געאַרבעט זומער?—
טוט די מוראַשקע אַ פרעג—
—„אַרבעטן אין יענע טעג?
אויפן פעלד אין גראָז אין טיפן
פלעגט מען זינגען, פריילאך שטיפן
אין איין לוסטיגן געיעג...
—אַ, האָסטו...
—„כ'האָב ניט גערוט,
נאָר באַזונגען אַט דעם גלאַנץ!
—האָסט געזונגען? זייער גוט!
נעם זשע איצט און גיי אַ טאַנץ;

יג. דער האָז אויף דער יאַכט

עס האָט אַמאָל אַ כאָפּטע־חיות
אַ בער אין וואַלד געפאַנגען,
און טאַקי תּכף, אָן הויזות,
איז מען צו דער חלוקה צוגעגאַנגען,
און אַלע גענומען
וואָס ס׳קומט אָן וועמען.
דערווייל לויפט אָן אַ האָז אַ גרויער
און ציט דעם בער ביים אויער.
—שאַ! שרייט מען—זעט נאָר דאָ דעם קרומען,
פון וואַנען האָסטו זיך גענומען?
האָבט אויך אין פאַנג אַ חלק?
—אַוודאי, חברה!—ענטפערט ער—
איך קען אייך שווערן הייליג,
אַז איך האָב עס דעם בער
פון וואַלד אַרויסגעטריבן,
ביז ער האָט זיך אהער פאַרקליבן
צי האָב איך ניט פאַרדינט מיין שכר?
און כאָטש ס׳האָט קיינער ניט געגלויבט די טענה,

נאָר איטלאַכן געפֿעלט די חוצפּה זייַנע:
אַ שטיקל אויער ניט מען איִם רעֶרפאַר.

יד. דער העכט און דער קאַטער.

אַנ׳אומגליק איז, אַז שוסטערס ווילן בוּ קעס באַקן
און בעקערס—טשוועקלאַך האַקן;
ווי מעגן זיך אין דרייען בויגן—
דער עסק וועט ביי זיי ניט טויגן.

————

אַ העכט האָט זיך אַ מאָל פאַרגלוסט,
געפינען מזל־ברכה
אין קעצישער מלאכה.
ס׳איז נאָך ער־היום ניט באַוואוסט;
האָט ער געהאַט צו מייז אַ שנאה,
צי קענן קעץ האָט אים געמאַטערט קנאה,
צי גלאַט איז מיאוס אים דער טיש—
פון הוילע פיש,—
נאָר טרעפנדיג אַ קאָטער נעבן ברעג,
טוט ער אים באַלד אַ פרעג,
ניט לאַנג געטראַכט,
אויב ער קען נעמען אים אויף מייזניאַכט.
דער קאָטער זאָגט: אַי, לאָז געמאַך,
די מייזניאַכט איז ניט דיין זאַך.

קײַן גלײַקן װעסטו דאָ ניט מאַכן,
מ׳ װעט פֿון דיר נאָר לאַכן;
האָסט דאָך געמוזט דעם װערטל הערן:
אַ מײַסטער מוז געבוירן װערן.
—אײַ, לאָז, מײַן פֿרײַנר, געהערט אַ חדוש: מײַז!
מיר כאַפּן קאַרפּן טשאַטעסװײַז!
—נו, מילא, קום!—דער העכט איז גרײַט;
זײ גײען צו די נאָרעס זאַלבעצװײט;
פֿאַרגנבענען זיך שטיל און זעצן זיך אַװעק.
דער קאָטער טוט אין עסק, כאַפּט אַ גוטן לעק,
נאָכדעם גײט ער מיט אַ װיזיט צום העכט.
אױ שלעכט:
ער ליגט האַלב טױט די מױל ברײט אױפֿגעריסן,
די מײַז דעם עק אַרומגעביסן.
קום הױבט אים אױף דער קאָטער,
פֿאַרשלעפּט צוריק אין טײַך און פּטור.
און טאַקי רעכט
אױף אונזער העכט!
זאָל ער שױן װײַטער װיסן,
אַז מײַז איז ניט פֿאַר אים קײַן ביסן.

טו. די פורן.

אַ טעֶפּעֶר פּאָרט מיִט פורן טעֶפּ איִן מאַרק,
און ס׳קומט איִם אויס אַראָפּפאָרן פון באַרג.
עֶר לאָזט דיִ פורן אויבן שטיֵין
און פיִרט דיִ עֶרשטעֶ פור אַליֵין.
דעֶר פעֶרד, דעֶרשפיִרנדיִג דיִ ליֵיטשעֶם,
פאַרהאַלט זיִך טריִט ביֵי טריִט
און טראָגט דיִ פור כמעט וויִ אויף דיִ פּליֵיצעֶם,
פון קלעֶנסטן טריֵיסל אָפּגעֶהיִט.
דאָס זעֶט אַ לאָשאַקל פון אויבן
צודרשנט עֶר זיִך אויף אַזאַ מיִן שטיֵיגעֶר:
„געֶזעֶן אַ מאָל אַ פעֶרד אַ פגר?
דאָס קעֶן דאָך גאָר אַ פוס ניִט הויבן!
אַ שלעֶפּעֶניִש—פון אָרט קיֵין ריִר!
אָט שטרויכלט עֶר! אָט פאַלט עֶר שיִר!
אָט ליִגט אַ שטיֵין! אַ פּריִשעֶר שטויס!
נאֵי ליִנקעֶר קיִרעֶוועֶ זיִך אויס!
נו לעֶבעֶדיִג, אַ ציִ,
אַ פליִ
און פטר אָפּ דעֶם באַרג אָן מיִ!

סאַ מיִן חמור! מעֶגסט, כלעֶבן, מיִט אזא שפּאַציִרן
נאָר זאַמד ציִ וואַסעֶר פיִרן!
אָט קוקט זיִך איַין,
וויִ איִך טו באַלד אַ שלעֶפּ
פריִש לעֶבעֶדיִג און מונטעֶר
מיַין וואָגן מיִט די טעֶפּ;
איִן איַין כהרף־עין
טו איִך אַ טראָג און קיַיקל איִם אַרונטעֶר!
מיַין לאָשאַק טוט אַ בויג דעֶם קאַרק,
אַ שטעֶל די ברוסט, אַ הויב די קאָפּ,
אַ ציִ זיַין וואָגן שטאַרק
מיִט איִמפּעֶט באַרג אַראָפּ,
דעֶר וואָגן טרייסלט זיִך און שפּאַרט
דעֶם לאָשאַק אויפן רוקן האַרט
פון זיַיט, פון היִנטן אָן אַ שעור.
דעֶר לאָשאַקל צולאָזט זיִך היַים אויף אַלעֶ פיִר,
עֶר פליִט אויף שטיַינעֶר, בעֶרגלאַך, גריִבעֶר,
און שפּריִנגט אַרויף אַראָפּ. און שפּריִנגט אַריִבעֶר,
ליִנקס,—ליִנקס,—און באַץ!—עֶר פאַלט איִן תהום אַראָפּ.
צוקלאַפּט דעֶם וואָגן ביִז איַין טאָפּ.

טז. דער אייזל און דער סאלאוויי.

אַן אײזל טרעפט אַ סאָלאָווײ.
—הער, ברודער־לעב, זאָגט ער צו אים,
מ׳לויבט דאָך עפּעס גאָר דײַן שטים;
אַנו, דערלאַנג נאָר מיר אַ זונג, אַ דרײ!
איך וואָלט געווען אַ בעלן באמנות,
צו האָרכן שטיקעלאַך פון דײַן חזנות!—
דער סאָלאָווײ הויבט אָן באַווײַזן זײַן נגינה,
ער לאָזט אַרויס אַ שטימעלע אַ דינע,
וואָס קלינגט פון אָנהויב שטיל און אײדל,
צוגיסט זיך קונציג אין אַ שײנעם דרײדל,
צוטרעלט זיך נאָכדעם קלאַפּעדיג און שאַרף,
ווי ציטערדיגע טענער פון אַ האַרף.
אָט דונערט זי און הילכט און קנאַלט
און באַלד
פאַרגײט זי זיך אין שטילן וואַלד
אין קלאַנגען האַרציגע און רײנע
אָט ווי אַ פּײפעלע אַ קלײנע.
אַלץ שטײט און הערט אין טיפן טרוים:
דאָס פײגעלע פאַרטראַכט זיך אויפן בוים,

אַ ליִפּטעָלעְ כּאַוועְגט זיִך קוים,
איִן לאָנקעְ ליִגן שטיִל די שאָף,
דעָר פּאַסטוך בלײַבּט פאַרזונקעְן ווי איִן שלאָף;
עְס דוכט: אויך גראָזן, בּוימעְן ווײַט אַרום
געְבּליִבּן ווי פּאַרכּשופּט שטום.
געְעְנדיִגט דעָר קאָנצעְרט.
דעָר איײזל לאָזט אַראָפּ די מאָרדעְ צו דעָר עְרד.
—נישקשה!—זאָגט עָר מיִט אַ בּרײטן טאָן—
אַ שאָד נאָר, וואָס דו קעָנסט ניִט אונזעָר האָן!
וואָלסט זײַן בּײַ איִם אַ בּיִסל אויף דעָר לעָרן,
וואָלט כ'לעָבּן זײַן אַ תּענוג ־זיִך צו העָרן,—
געְהעְרט דעָם משפּט, מאַכט דעָר זיִנגעָר ניִט קײַן מיִנעְס
און פליִט אַוועְק ווײַט־ווײַט פאַר צעְנדליִגעָר מדינות.

———

באַהיִט אונז גאָט, פון אָט אַזאַ מבינות!

יז. די מאלפּעס.

מ׳ענגסט האָרעװען מיט שװײס און בלוט,
נאָר דאַרפסט ניט האָפן אײן מי׳ זײ,
מ׳זאָל דערמאָנען עס צו גוטס,
כל זמן עס איז ניטאָ דערין קײן נוץ.

————

אַ פּױער שלעפּט זיך מיט זײַן סאָכע פּונדערפרי׳
באַאַרבעט זײַן שטיק פעלד מיט פלײַס און מי,
ער פילט ניט, אַז ס׳איז הײס,
פון פּנים רינט דער שװײס,
ער גײט זיך טריט בײַ טריט זײַן גאַנג,
דערפאַר האָט ער פון איטלאַכן אַ דאַנק:
חער ס׳נײט פאַרבײַ,
דערלאַנגט אים אַ „גוט מאָרגן״ גאַנץ געטרײַ.
אַ מאַלפּע זעט עס פון אַ צװײַגל אױבן,
—(חער היל עס ניט מ׳זאָל אים לױבן?)—
האָט זיך איר אױך אַ שבחל פאַרגלוסט,
כאָטש װי און װאָס האָט זי, פאַרשטײט זיך, ניט געװאוסט.
זי כאַפּט אַ גרױסן קלאָץ, הױבט אָן זיך מאַטערן,
די גאַנצע כּוחות פּטרן.

נעֶשלעֶפּט, נעֶדרייַט, ־נעֶשטעֶלט, געֶלייַגט,
זיִ איִז פון שוייַם שוין אויסגעֶחייַקט,
עֶס זעִצט פון מויל אַ שוים,
זיִ אָטעֶמט קוים
און פאַלט צום כּוף אָן כּוחות אויף דעֶר עֶרד,
קייַן דאַנק פון קייַנעֶם ניִט געֶהעֶרט.
קייַן חידוש איִז עֶס ניִט, מייַן קיִנד!
געֶהאָרעֶוועֶט אַ סך, נאָר אויפן וויִנט.

JUUDI SOOST ÜLIÕPILASTE ÜHING „HASMONEA"-TARTUS. *
הסתדרות הסטודנטים
„חשמונאי"
דורפט.

יח. דער זאַק.

בײַ אונזער גביר
אין קאָרידאָר בײַם טיר
איז אויסגעשפּרייט אַ זאַק.
און, קומענדיג אין געסט, צי אַ נדבה בעטן,
פלעגט איטלאַכער אויף אים נאָר טרעטן
און רײַבן מיט די פיס געשמאַק.
אַ מאָל האָט זיך דעם זאַק אַ גליק געטראָפן,
אויף וואָס ער וואָלט אַליין ניט האָפן:
מ'האָט אין אים אַרײַנגעשאָטן גאָלד אַ מאַסע
און אים באַהאַלטן גוט אין קאַסע.
עס קוקט אויף אים דער גביר און היט אים אָפּ,
פונקט ווי זײַן אויג אין קאָפּ,
פון ווינט, פון קעלט, פון היצן,
ער לאָזט אויף אים אַ פליג ניט זיצן.
אַ חוץ דעם איז דער זאַק שוין אַ מפורסם,
מ'פרעגט פון דער מלחמה און פון קורס אים,
מ'רעדט פון אים אין רײַכסטע זאַלן,
מיט אים באַקאַנט ווערן איז איטלאַכער אַ בעלן;
ווער ס'איז דעם זאַקס אַ „שני בשני".

צי נאָר אַ שטיקעלע מחותן,
דער האָט אַ זכיה ניט קיין קליינע
און אגב טאַקי אַ פּראָפּיט אַ גוטן.
דערזעט דער זאַק, כ'הייסט אויף אים שוין מיט די פינגער,
ער איז ביי אַלע אויף די צינגער,
האָט ער געעפנט פריי אַ פּי האתון.
און האָט אַ ים מיט רייד פון זיך געגאָסן.
די רייד, פאַרשטייט זיך, האָבן אכציג טעמען,
און צייטנווייז הויבט אָן דער פּנים פלאַמען;
נאָר ס'גיסט זיך גלאַט אויף שטיינער און אויף ביינער,
און ניט געשוינט ווערט קיינער:
דער רעדט ניט גוט,
דער זעט ניט גוט,
דער האַנדלט שלעכט
און יענער ווייס ניט לינק און רעכט.
און אַזוי ווייטער-ווייטער
אַלץ פלווירערט ער און ברייט ער.
פון עולם קען זיך קיינער ניט דערוועגן
אים ענטפערן אַ וואָרט אַנטקעגן.
ויהי היום—נעמט אונזער גביר
און שאָקלט אויס פון זעקל
די רענדלאַך אַלע ביז אַ ברעקל.
וואו איז זיין שכל, וואו די ריידעלאַך די גלאַטע?

נעֶבליבֿן נאָר אַן אַלטעֶ שמאַטע
און ווידעֶר טרעֶט מעֶן שוין אויף אים בײַם טיר.

יט. די קעכן און די קעצל.

נעוויען ביי אונזער גבירטע
א קעכן א „ציוויליזירטע".
לויפט זי א מאל ארויס פון קיך
אויף גיך,
און שכנהשאפט א שמועס כאפן,
און כדי א מויז זאל ס'עסן ניט דערטאפן
לאזט זי די קעצל פאר א היטער.
זי קומט צוריק—אוי, ביטער!—
די מילך איז אויסגענאשט פון פענדל,
און ווינקל וואלגערן זיך שטיקלאך פון א לאטקע,
די קעצל ביי דער וואסער־קאדקע
פארפטרט, בורטשענדיג א הענדל.
—דו פרעסערקע, מרשעת!—
צודרשנט זיך די קעכן מיט א כעס—
דו מעגסט זיך שעמען פאר די ווענט, ניט בלויז פאר מענטשן!
(די קעצל פרעסט דערווייל דעם האן).
סטייטש, ביז אהער געווען אזא צדיקת
און אפנעהיט פון בלערליי היזקות,
מ'פלעגט דאך פראסט מיט דיר זיך בענטשן;

און איצט, געוואַלד, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן!
וואָס וועלן אַלע שכנים זאָגן!
אַ קאַץ אַ נאַשערקע, אַ לעכערדיגער מאָגן,
אַ אויסוואורף, אַ מרשעת, אַ פּעסט;
מ'טאָר די קאַץ ניט לאָזן אויפן שוועל,
זי מאַכט פון אַלץ אַ תּל!
(די קעצל הערט זיך איין און פרעסט.)
מיין רעדנערקע צודרשנט זיך מיט ברען
און מוסרט אַלץ די קעצל ווי זי קען.
נאָר ווען זי האָט זיך אויפן דרוש געמאַטערט,
האָט אונזער קאַץ דעם הענדעלע געפּטרט.

———

און איך וואָלט עצהנען דער קעכן:
למאי דעם מוח ברעכן
אויף דרשות אָן אַ האַפּט,
בשעת מ'דאַרף באַנוצן קראַפט!

כ. דער בוימעלע.

אַ בוימעלע אין וואַלד דערזעט אַ פויער,
וואָס גייט זיך מיט אַ האַק אַ גרויסער,
זאָגט ער אים אויפן אויער:
„הער, פויערל, ס'וואָלט זיין אַ יושר,
דו זאָלסט זיך נעמען טאַקי באַלד,
אַרומהאַקן דעם גאַנצן וואַלד.
דו מעגסט מיר גלויבן:
מיין גאַנצער לעבן איז ניט ווערט קיין דרייער.
ניט ס'שטראַלט צו מיר די זון פון אויבן,
ניט פאַר די וואָרצלען איז אַן אָרט אַ פרייער,
ניט ס'קענען צובלאָזן צו מיר די ווינטן—
פאַרשטעלט בין איך פון פאָרנט און פון הינטן!
וואָלט מיר דער וואַלד נאָר ניט געשטערט,
וואָלט איך אַרויסגעוואָקסן פון דער ערד
גרויס, שטאַרק, אין דעמב געראָטן,
כ'וואָלט אַלץ אַרום פאַרדעקן מיט מיין שאָטן,
ווי מיט אַ ריזיג-גרויסער היטל!
און איצט ווי זע איך אויס? נאָר ווי אַ דינע ריטל!"
דער פויער טוט דעם בוימעלע זיין רצון,

עֶר נעֶמט די האַק און שנייַדט
די בוימעֶן אָפּ פון יעֶדעֶר זייַט
און מאַכט אַ ברייַטעֶ ווארעֶ פאַרן יונגן קצין.
עֶס ווערט גערוים
אַרום דעֶם בוים,
נאָר וואָס איז פון זייַן שיינעֶם טרוים?
די הייסעֶ שטראַלן באַקן אים און בראָטן,
דעֶר רעֶגן הערט ניט אויף צו גיסן,
מיט האָגל ווערט עֶר אָפּט באַשאָטן,
פון ווינט פאַרשמיסן,
לסוף האָט אים אַ ווילדעֶר שטורעֶם אויפגעֶריסן,
—דו נאַר,—זאָגט אים אַ קראָ—
אַליין געֶבראַכט אויף זיך די לעֶצטעֶ שעה!
ווען דו וואָלסט צווישן גרויסעֶ בוימעֶר זיצן,
זיי וואָלטן דיך באַשיצן
פון רעֶגנס, ווינטן און פון היצן;
און ווען פון עֶלטעֶר וואָלטן זיי געֶשטאָרבן,
וואָלסטו אַזויפיל לעֶבנס-כּוחות שוין דערוואָרבן,
אַז קיין שום שטורעֶם וואָלט דיך ניט פאַרדאָרבן.

כא. די גענז.

עס טרײַבט אַ פּויער מיט אַ לאַנגער רוט
אַ סטאַדע גענז אין שטאָט פֿאַרקויפֿן,
ער לאָזט ניט אָפּשטײַן זײ קײן איינציגע מינוט,
ער װיל צום מאַרק וואָס גיכער לויפֿן.
(קײן עולה איז עס אפשר ניט,
ער האָט צום קערבל אָפּגעטיט;
און חאו עס קערבלט זיך, דאָרט קוקט מען ניט אויף יושר,
דאָס ווייס דאָך יעדער עושר.)
די גענזלאַך אָבער זײַנען זיך מתרעם
אויף זייער אָנטרײַבער דעם אומגעטרײַעם
און, טרעפֿנדיג אַ דורכגײער אין וועג,
צוליאַרימען זײ זיך גאָר אָן אַ ברעג,
און טיפֿן צער און טרויער:
„געוואַלד, וואָס האָט צו אונז דער פּויער?
ער מײנט אַודאי,
ער האָט פֿאַר זיך גלאַט גענז אַ סטאַדע?
כטײַטש, מיר זײַנען דאָך גענז יחסנים,
נאָך נאָנטע מחותנים
מיט די אַמאָליגע בארימטע גענז,

וואָס האָבן רויִם אַ הילף געבּראַכט,
וואָס ס'וועט פאַר זיי נאָך איטלאַכס יאָר געמאַכט
אַ יום־טוב מיט אַ באַל מיט טענץ!
—און וואָסער נוץ ברענגט איר אַליין?
—וואָס הייסט? די זיידעס אונזערע! זכות אבות!
—געוויינלאַך, דאָס איז קיין קאַטאַווע,
פונדעסטוועגן וואָלט איך אַ בעלן זיין דערגיין,
צי האָט איר עפּעס ניט אַליין אַ זכות?
—די זיידעס האָבן רויִם באַפרייט!
—ניי, יאָ, נאָר וואָס טוט איר אין אייער צייט?
—מיר? גאָרניט!—וואָס זשע האָט איר נאָך פאַרדרוס?
פאַרגעסט די מעשים פונם אַלטן זיידן,
דערפאַר האָט ער שוין דאָרט אַ ליכטיגן גן־עדן;
און אייך וועט שוין ניט העלפן קיין שום ביטע,
אַז איר טויגט פאָרט נאָר צו דער שחיטה!

———

דעם משל קען מען אויסטייטשן מיט דאָס און יענץ,
נאָר ס'לויגט ניט אויפרייצן די גענז.

כב. דער קווארטעט.

אַן אײזל מיט אַ באָק,
אַ מאַלפּע מיט אַ בער
פֿאַרגלוסט זיך אין אײן שײנעם טאָג
צוזאַמען שפּילן אַ קוואַרטעט.
זײ האָבן זיך צונויפגערעדט,
זיך נאָטן־בלאַט געקריגן,
צװײ פֿידעלאַך, אַ באַס, אַ פֿלײט
אַװעקגעזעצט זיך אויפֿן לאָנקע נעבן פֿלײט
און נעמען זיך צום נגון.
נאָר ס׳װערט אַ דריפּעניש אַהין־אַהער
און װאָס צו הערן איז ניטאָ.
„װאַרט, קינדער!—זאָגט די מאַלפּע—דאָס איז אַ קאָנצערט?
איר זיצט דאָך אַלע נאָר פֿאַרקערט!
דו, בערל מיטן באַס, צוזעץ זיך דאָ,
איך מיט מײן פֿידל־פּרימע
אַנטקעגן באָק דער צװײטער שטימע,
װעט אונזער שפּיל אַװעקגײן מיטן גלאַנץ,
אַז בערג און טאָלן װעלן גײן אַ טאַנץ!”
צוזעצט מען זיך שוין אויף אַ נײעם קאָן,

נאָר דער קוואַרטעט הויבט זיך ניט אָן
„שאַ, שטילער! איך וויס דעם סעקרעט!
—שרייט אוים דער אייזל—ווילט איר האָבן אַ קוואַרטעט,
טאָ זעצט זיך אוים פון פידל ביז באַנדורע
נאָר אין אַ גלייכער שורה!״
מ׳פאָלגט דעם אייזל און מ׳זיצט שוין אַלע גלייך,
פון זייער שפילאַכץ לאָזט זיך אוים א טייך.
עס ווערט אַ שפּאַרעניש, אַ היצעניש
מכּות הילכת זיצעניש.
אויף זייער טומל און געשריי
קומט אָן אַ סאָלאָוויי.
די מוזיקאַנטן פאַלן צו צו אים:
„אוי, ראַטעווע! מיר האָבן כּלים, נאָטן=בלאַט,
זעץ אונז נאָר איין, וועט אַלץ אַוועקגיין גלאַט!״
דער סאָלאָוויי טוט זיך א קרים
און זאָגט: די שפּיל, רבותי, איז פאַר אייך צו שווער;
אַ מוזיקאַנט
מוז קודם האָבן אַ געהער
און טאַקי אויך אַ שטיקעלע טאַלאַנט;
און איר מיינט זיצן ווי די שררות—
צום שפּילן טויגט איר אויף כּפּרות!

כג. די בלעטער און די ווארצלען.

אין שיינעם זומערדיגן וועטער
פארליינגן אויפן צווייג די בלעטער
א שטילן שמועס מיטן ווינט.
—דו הערסט, מיר קענען זאגן אן באַרימעריי,
אַז מיר זיינען די קרוין פון מאי;
דעם נאמען האבן מיר געווים פארדינט.
אט זע דעם בוים, ווי ער צוואַרפט זיך ברייט
אין שיינע קרייזעלאך דורך אונז באַקליידט,
אין גאנצן כאל איז אונזער שאטן אויסגעשפרייט.
וואו זיצט דער פאסטוך אין די הייסע טעג?
וואו קומען קינדער שפילן, לויפן אין געיעג?
דער סאלאווי זינגט צווישן אונז זיין זיסע ליד,
דער דורכגייער רוט אפ ביי אונז, ווען ער איז מיד;
אויך דו, זעפיר, ווי נאר דו לויפסט פארביי,
מוזטו אונז גלעטן איטלאכס מאל אויפס ניי!—
—עס וואלט ניט שאטן, כלעבן,
מ׳זאל אויך אונז א „יישר־כח" געבן!—
האט זיך פון אונטער דר׳ערד
א שטיל־פארשטיקטער קול דערהערט.

—שאַ, וואָס איז דאָרט פֿאַר אַ געדרייד?
ווער ברומט עס אונטן אַזוי העזהדיג און ברייט?
צושרייען זיך די בלעטער מיטאַמאָל.
נאָר ס'ענטפֿערט דער פֿאַרשטיקטער קול:
—מיר זייַנען די.
וואָס האָרעווען מיט פֿלייס און מי,
כּדי צו געבן אײַך די שטענדיגע יניקה,
אַז איר זאָלט וואַקסן זאַפֿטיגע און דיקע.
מיר, וואָרצלען, זיצן דאָ פֿאַרבאָרגן
און גראָבן אין דער ערד און שנייַגן,
ווען איר דאָרט אויבן אויף די צווייַגן
לעבט פֿריילאַך, פֿריי אָן זאָרגן.
יאָ, רימט זיך וויפל ס'האַרץ געלוסט,
נאָר זאָל אײַך זיין באַוואוסט,
אַז קורץ איז אײַער לעבן,
דער גייער מאַי וועט פֿרישע בלעטער געבן;
מיר אָבער בלייַבן דאָ פֿון יאָר צו יאָר,
צו האָרעווען דעם קומענדיגן דזר,
און אויב צו דאַרן הויבן מיר אָן קוים,
איז וויי צו אײַך און אויך צום גאַנצן בוים!

כ. דער שוואן, דער העכט און דער ראק

בשעת חברים זײַנען ניט יד אחת,
וועט שוין ניט זײַן בײַ זיי קײַן נחת,
און זייער ענין וועט שוין פּלאַצן מיטן קנאַק.

———

אַ שוואַן, אַ העכט צוזאַמען מיט אַ ראַק
פאַרנעמען זיך אַוועקפירן אַ פולן וואָגן
און שפּאַנען אײַן זיך זאַלבעדריט.
פון הויט געקראָכן—נאָר דער וואָגן רירט זיך ניט
די משא, דוכט זיך, איז פאַר זיי נאָך צו פאַרטראָגן,
נאָר אונזער שוואן פליט הויך עד לב שמים,
דער ראַק קריכט הינטער זיך, צום וואַסער שלעפט דער העכט.
ס'איז שווער צו משפּטן: ווער שולדיג ווער גערעכט—
דער וואָגן אָבער שטייט נאָך דאָרט עד היום.

כח. בערל׳ס קאפאטע.

בײַ בערלען אויפן עלנבויגן
האָט די קאַפּאָטע זיך צופלויגן.
מײַן בערל
נעמט באַלד אַ שערל,
שנײַדט אָפּ פון איטלאַכס אַרבל זיך אַ שטיק,
פאַרנײַט די לאָך, איז די קאַפּאָטע גאַנץ מיט גליק
נישמער די הענט געבליבן הויל;
טאָ וואָס איז דאָרטן פאַר אַ גרויל?
דער עולם אָבער שמײכלט אונטער,
און בערל טענעט מונטער:
„וואָס מײנט איר זיך, איך בין אַ שוטה?
איך האָב אַן עצה שוין אַ גרײטע!"
אָ אָ, מײַן בערל איז אַ לײַט!
ער כאַפּט די שער, פאַרשנײַדט
די פאָלעס ביזן סטאָן,
פאַררײבט די אַרבל און קוועלט אָן,
כאָטש זײַן קאַפּאָטע זעט שוין אויס,
ווי אַ קאַמזעלקע גרויס.

כו. דער פערד און דער רייטער.

אַ רײַטער האָט געהאַט אַ פערד,
האָט ער געהערט,
מ'רעדט פֿון פֿרײַהײַט אויף דער וועלט,—
וואָס דאָס באַטײַט האָט ער אַפילו ניט געוואוסט—
האָט זיך אים אויך פאַרגלוסט,
צו זײַן אַ פרײַהײַט=העלד,
—צו וואָס, דהײַנו,
באַראַרף מײַן פֿערד די לײַטשעס זײַנע,
אַז ער איז דורכגעמאַכט און פלינק
און זעט גאַנץ גוט וואו רעכט וואו לינק?—
און אונזער רײַטער
לאָזט זיך אַמאָל אין וועג,
זײַן פֿערדעלע באַפרײַט ער:
וואו לײַטשעס, צײַמל, זאָטל—אַלץ אַוועק!
דער פערדל ווײַס צוערשט קײַן מעשה ניט,
גײַט ער זיך טריט בײַ טריט,
נאָכדעם דערשפירט ער, ס'איז אים גרינג,
פאַררײַסט ער זיך זײַן קעפּל, מעשה וואוילער יונג,
הויבט אויף די פיסלאַך פלינק

און לויפֿט זיך אונטער מיט אַ שפּרונג.
און פּלוצים ווערט ער נאָר צוקאָכט,
עס שפּריצן פונקען פון די אויגן,
ער פרייכט און פֿאָכט
און הויבט אָן פליהען פייל פֿון בויגן
אין ברייט, ווייטן פֿעלד.
אומזיסט פּרובט אונזער פֿרייהייט־העלד
אַרויפוואַרפן אויף אים דעם צייםל,
דער פערדל האָט אים שוין אין שטרייםל,
ער רייסט זיך מיט אַ אימפּעט ווייטער
און—וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם רייטער.
נאָכ־עס צוויאָנט ער זיך נאָך גיכער,
און ווי אַ וויכער
לויפט ער פעלד־אויס, פעלד־איין,
פאַלט אין אַ טיפע גרוב אַריין
און בלייבט דאָרט ליגן טויט.
דער רייטער טראַכט זיך מיט אַ קרעכץ:
אַליין געטאָן זיך שלעכטס!
וואָלט איך מיין פערד ניט צופיל אָנגעטרויט,
וואָלט ער נאָך איצט געלעבט,
און איך וואָלט פריי אויף אים געשוועבט.

כז. די מויז און דער שטשור.

צום שטשור לויפט, סאָפּענדיג, אַריין די מויז
און זאָגט: „אוי ליבער שכן,
עס איז אַ וואוילער קלאַנג אַרוים:
דער קאָטער אין די נעגל צו אַ לייב פאַרקראָכן;
נו, דאַנקען גאָט, שוין זיינער פּטור!"
—וואַרט, פרײ זיך נאָך ניט, מיין נשמה,
זאָגט איר דער שטשור, אומזיסט גאָר דיין בטחון;
פאַרפירן זיי נאָר מיט די נעגל אַ מלחמה,
קען איך מיין וואָרט דיר געבן:
דער לייב וועט שוין פאַרפאַסטן מיטן לעבן—
ניטאָ קיין חיה שטאַרקער ווי אַ קאָטער.

כח. דער טשיזש און די טייבל

אַ טשיזש װערט אין אַ נעץ פאַרקלאַפּט.
ער װאַרפט זיך נעבאַך, צאַפּלט זיך און װיל אַרױס.
אַ יונגע טײַבל זעט און לאַכט אים אױס.
—אַ חרפה, פע!—טוט זי אַ זאָג—
װי פאַלט מען עס אַרײַן אין מיטן טאָג?
נײַן, מיך װאָלט מען אַזױ שױן ניט געכאַפּט.
דאָס זאָג איך דיר געװױ!—
שאַ, זע: אָט האָט זי זיך אַלײן פאַרדרײט אין נעץ.
און רעכט אַזױ:
בײַ יענעמס צרה זײַ ניט מער קײן לץ!

כט. דער שפּיגל און די מאַלפּע.

אין שפּיגל זעט אַ מאַלפּעלע איר צורקע,
דערלאַנגט זי בערלען מיטן פוס אַ טורקע.
„אַי בערעלע, גיי זע נאָר פאַרט
אַ מאָדנעם פּרצוף דאָרט!
סאַ מיאוסע מינעס און העויות!
גלויב מיר, אַז איך
וואָלט אָנגעטאָן אַ מעשה זיך,
ווען איך וואָלט זיין פון דעם מין חיות,
כאָטש... ס'איז דאָך ניט פאַר דיר קיין נייס:
איך האָב אויך חברטאָרנס שיינע
פאַרקרימעניש עטלאַכע אַזוינע,
איך קען זיי אַלעמען ווי איינע."
—אָנשטאָט באַליידיגן אַ חברטאָרן,
זוך אפשר אין זיך גופא אַ חסרון!—
זאָגט בערל איר, ווי אַ ידיד,
נאָר בערלס עצה פאָלגט די מאַלפּע ניט.

ל. דער שאָטן און דער אינגל.

אַ אינגל האָט אַמאָל געוואָלט באַווייזן,
צו אָנכאַפּן זײַן שאָטן.
ער האָט גענומען גיכער שפּרייזן,
נאָר ס׳איז אים ניט געראָטן:
ווי גיך ער גייט, גייט יענער מיט.
ער יאָגט זיך, לויפט און פליט,
דעם שאָטן כאַפּן קען ער ניט.
לסוף הויבט ער אָן גיין צוריק,
ער טוט אַ בליק:
דער שאָטן גייט אים נאָך אויף איטלאַכס טריט.

לא. דער לייב און דער וואלף.

אַ לייב אַ גרויסער האָט א שעפּסעלע געפרעסן.
איז דאָרט אַ הינטעלע געזעסן,
האָט זיך אים אויך פֿאַרגלוסט אַ ביסן,
האָט ער ביים לייב אַ שטיקל פֿלייש אַרויסגעריסן.
געווען איז ער נאָך זייער קליין און נאַריש.
דער וואָלף דערזעט די חידושדיגע זאַך
און קלערט: דער לייב איז שוין מסתמא שוואַך,
אַז ער איז גאָר די חעלט ניט מרעיש,
דעם הינטל לערנט ער ניט אָן.
פּרובט ער זיך אויך דאָס זעלבע טאָן,
שטרעקט אויס צום שעפּסנפלייש די לאַפּעס
און טוט אַ כאַפּ עס.
נאָר אים האָט עס געקאָסט זיין פעל;
דער לייב צוריסט אים אויפן שטעל
און זאָגט: דעם קליינעם הינטל בין איך מוחל,
דו אָבער ביסט דאָך שוין אַ יונג מיט שכל!

לב. דער וואָלקן.

אַ וואָלקן איז אַדורכגעשוואומען
פאַרבײַ אַן אויסגעטריקנט געגנט
און האָט אים ניט באַרעגנט.
נאָכדעם צום גרויסן ים געקומען,
האָט ער מיט וואַסער אים פֿאַרגאָסן שטאַרק
און רימט זיך מיט זײַן טובה פֿאַר אַ באַרג.
נאָר יענער פרעגט: זע מאַך מיך קלוג,
פֿאַר וועמען האָסטו מיט דײַן גוטס
געבראַכט אַ שטיקל נוץ?
ווען דו טרינקסט אָן די תבואה־פעלד,
וואָלסטו פון הונגער־טויט געראַטעוועט אַ וועלט,—
אין ים איז וואַסער דאָך פאַראַן גענוג!

לג. דע אייזל און דער פויער.

אַ פויער שטעלט אַן אייזל אין זיין גאָרטן,
ער זאָל אַלץ היטן דאָרטן,
ניט לאָזן פויגעלאך צו ראַבן,
די פרוכט צופּיקן און צוגראָבן.
דער אייזל האַלט געטריי די וואַך,
ער לאָזט ניט רירן קיין שום זאַך;
מ׳דאַרף אויך זאָגן צו זיין שבח:
ער נעמט פאַר זיך אויך ניט קיין סך.
נאָר וואָס
פאַרדינט דערפון דער בעל־הבית?
אַז וועלנדיג אַ פויגעלע פאַריאָגן,
פלעגט ער זיך דורכן גאַנצן גאָרטן טראָגן
און האָט די ערד צוקנאָטן,
די פרוכט צוטראָטן,
פון איטלאַכס בוים און קוסט געמאַכט אַ תל.
דער בעל־הבית האָט עס דערזען
איז ער אַרײַן אין כּעס
און האָט אויף זיין געטרייען שומרס פעל
אַ פאַרקאַן־דראָנג צובראָכן.

דאָס זעהענדיג, זאָגט אים זיין שכן:
„דעם אייזל שלאָגסטו גאָר אומזיסט;
ניט ער האָט דיר פאַרזויסט
די בייטן מיט די קוסטעס,
צופרעסן דיר די בוימער:
אסטו אליין גאָר ניט געיאוסט עס:
„אן אייזל איז א שלעכטער שומר!“

לד. דער בער אין נעץ.

אַ בער האָט זיך אין נעץ פֿאַרדרייט.
ער ברומט און וואַרפֿט זיך ווילדערהייט
און רייסט און בייסט די שטריק;
אומזיסט, זיך אויספּלאָנטערן ניט געקאָנט.
און דאָ די יעגערס זיינען נאָנט,
זיי גייען שוין געשווינט
מיט ביקסן, שפּיזן און מיט הינט.
מיין בערל זוכט אַן עצה און געפינט:
ער וועט זיך אויסדרייען מיט פּאָליטיק.
ער זאָגט: ר׳ יעגער, איך וואָלט וועלן הערן,
פֿאַרוואָס ווילט איר מלחמה מיר דערקלערן?
וואָס האָב איך אייך אַזוינס געטאָן?
צי גלויבט איר וואָס מ׳רעדט אייך אָן,
אַז בערן זיינען בלוטזויגערס, גזלנים,
מיט לייבן, טיגערס מחותנים?
אוי, גלויבט מיר, ס׳האָבן אויסגעטראַכט נאָר שונאים!
אָט, אַדרבא, פֿרעגט ביי אַלע שכנים,
צי וועט איר טרעפֿן צווישן זיי כאָטש איינעם,
וואָס האָט געזען, געהערט און ווייס,

אַז בּערן זאָלן עֶבּן טויטנפלייש?

—„דעם ענין דאַרף איך גאָר ניט פרעגן, חייל איך ווייס אים,"—
זאָגט יענער אים—„איר היט דעם כבוד פון די מתים,
פון לעבּעדיגע אָבּער שינדט איר אָפּ די הויט.

———

און איך וואָלט זאָגן בּעסער,
איר מעגט זיך זיין כאָטש טויטנפרעסער,
אַבּי די לעבּעדיגע וואָלט איר ניט "

לה. דער פוקס און דער איזל.

—פון װאַנען שלעפּסטו זיך, מײַן חכם?—
טרעפט אָן אַ פוקס אין װעג
אַן אײזל און טוט אים אַ פרעג.
—איך גײ ערשט טאַקי פון ר׳ לײבן.
דו הערסט, מײַן פרײַנד, מ׳מעג אים רופן שוין „ר׳ נאָך־אים״.
נעװאַלד, װאָס איז פון לײב געװאָרן? מעגסט מיר גלױבן:
פאַרצײַטן פלעג איך ציטערן פאַר אים,
אי פאַר זײַן דונערדיגער שטים,
אי פאַר זײַן מוראדינן בליק
און, זעהענדיג אים פון דער װײַטן,
פלעג איך זיך אָפּרוקן צוריק
אַרומקוקנדיג זיך אויף אַלע זײַטן.
און הײַנט ליגט ער װי אַ שטיק האָלץ—
װאו איז זײַן ברײַטקײַט, װאו זײַן שטאָלץ!
ניטאָ קײַן נעגל מער, קײַן צײן ניטאָ!
װײַזט אױס, עס קלאַפּט שױן באַלד זײַן לעצטע שעה!
דערפאַר באַצאָלט ער איצט פאַר אַלינקע חטאים;
װער ס׳האָט פון לײב אַ קריװדע נאָר געהאַט.
איז איצט אַ כװאַט;

מ׳קומט באַזוכן אַלע שעה אים
און מ׳איז אים מכבד זײער שײן,
װער מיט די הערנער און װער מיט די צײן.
—אַזוי, אַ שאָד אויף אונזער אַלטן גבור!—
האַקט שטיל דער פוקס דעם אײזל איבער—
נאָר דו מסתּם האָסט ניט געהאַט די העזה?...
—אַי װײ, פאַרװאָס זשע?
איך האָב אים אויך אַ בריק געטאָן,
און זאָל ער װיסן װאָס אַן אײזל קאָן.

לו. צוויי הינט.

אַ שטוּבּיִגער נעֶטרייַער הונט, באַרבאָס,
וואָס דינט שוין לאַנג זייַן בעל-הבית,
דערזעט זייַן חברטע זשוזשו,
אַ שייַן-געלאָקטע קלייַנינקע פראַנצויזין,
ווי זי געניסט פון לופטיגקייַט און רו
אין גערטל צווישן שמעקעדיגע רויזן.
ער לאַשטשעט זיך צו איר און בורטשעט,
באַלד אויסגעצויגן, באַלד צונויפגעקורטשעט,
און שפּריִנגט קאָזיאָלקעס,
הויך-הויבנדיג די פּאָלקעס,
אַנטקעגן דער גרויסאַרטיגער מאַטראָנע,
פונקט ווי צו קדוש-לבנה.
—זשוזשוטקעלע, מייַן טייַערינקע, וואָס זשע מאַכסטו פאָרט,
זינט דו ביסט אָנגעקומען דאָרט
ביים נייַעם בעל-הבית אין הויכן אָרט?
געדענקסטו נאָך דעם גרויסן הויף, די בודקע?
מיר ביידע זיצן, גריזשען ביינדלאַך
און מאַכן חנדלאַך,
ניט אָפּגעשיידט אויף איין מינוטקע;

געהיט דעם הויף. נו, זאָג מײַן פֿרײַנט:
װי גײט דיר הײַנט ?—
ניט צו פֿאַרזינדיגן, זאָגט אים זשוזשוטקע,
מײַן בעל־הבית האַלט מיר גאַנץ טײַער,
זײַן ליבשאַפֿט גאָר פלאַם־פֿײַער.
מײַן שפּײַז די בעסטע מאַרציפּאַנעס,
מײַן רו אויף װײַכינקע דיװאַנעס,
מײַן בעל־הבית זוכט נאָר פֿאַר מיר תּענוגים,
פֿאַר מיר איז קײַן זאַך ניט געגוג אים.
און דו מײַן פֿריינד?—איך, ענטפֿערט אים באַרבאָס
און לאָזט אַראָפּ דעם װײַדל מיטן נאָז—
אַלץ װי געװען. אָט ליג איך פֿאַרן גאַס,
צי הײס, צי קאַלט, צי נאַס;
מײַן הונגער רק פֿון אָפּגוס שטילן
און מיט מײַן װײַדל רק זיך שפּילן,
דער עיקר—שטענדיג היטן, בילן;
און אויב איך ביל אַמאָל צו שטאַרק,
איז מיט אַ שטעקן גלײַך אין קאַרק,
דערויף איז מײַנער גאָרניט קאַרג.
נאָר זאָג, זשוזשוטקעלע, מיט װאָס
ביסטו אַזוי באַליבט בײַם בעל־הבית
און לעבסט אין נחת אָן אַ מאָס,

ז

איך אַרבעט, דין געטריי און האָב חולאת?—
—מיט וואָס? אַ שאלה נאָר אַ ביסל:
איך גיי אים „הינטער־פּיסל.“

לז. די קאַץ און דער סאָלאָוויי.

עס האָט אַ קאַץ אַ סאָלאָוויי געפאַנגען,
אַרײַנגעלאָזט די נעגל אין זײַן גוף,
צאַרט לאַשטשענדיג, דערלאַנגט זי אים אַ רוף:
„הער, פויגעלע, מיט דײַנע ליבלאַכע געזאַנגען
איז דאָך גאָר פול די גאַנצע וועלט:
דער פוקס דערציילט מיר, אַז ער קוועלט
פון דײַנע ציקלדיגע טרעלן;
דעם פאַסטוך ווערט זײַן פאַסטושקע גאָר מער געפעלן
בײַם ווידער־קול פון דײַן געזאַנג אין פעלד.
אוי, פויגעלע, ווי איך וואָלט וועלן
דו זאָלסט פאַר מיר אַביסל זינגען!
נאָר שרעק זיך ניט און דאַרפסט זיך אויך ניט דינגען,
איך מיין, חלילה, קיין שום שלעכטס!
איך קען דיר אויף נאמנות שווערן:
נאָר דײַן נגינה וויל איך הערן,
נאָכדעם באַפריי איך דיך אויף לינקס און רעכטס.
איך בין דאָך אויף געזאַנג א מבין,
כאָטש איך האָב ניט אַליין קיין קול;
און וויפל מאָל

חער איך מיר בורטשענדיג אנטשלאפן אויפן אויוון...״
און, בעטנדיג, האלט זי דערווייל דעם זינגער
אין אירע שארפע נעגלדיגע פינגער.
בלוט שפריצט ביי אים פון הויט,
ער שפירט דעם טעם פון טויט.
„נו וואס זשע, רעדט אים איין די קאץ,
זינג עפעס־וואס, מיין טייערינקער שאץ!״
נאר זינגען קען שוין ניט דער סאלאוויי,
בלויז פישטשען מיט א יאמערלאך געשריי.
„אט דאס איז דיין ליבהארציגע נגינה!״
רופט אויס די קאץ מיט א פארקרימטער מינע—
דאס הער איך דאך כסדר פון מיין טוץ קאטשאקעס!
ניין, ברודערל, איך זע, אז זינגען קענסטו מכות,
און דיין קאנצערט איז נישטיג;
אט לאמיר זען, צי ווערסטו טויגן אויף א פרישטיק!״
און באלד צוגריזשעט זי מיט אירע שארפע ציין
דעם סאלאוויי מיט הויט און פלייש און ביין.

———

דעם פירוש קענט איר שוין פארשטיין,
עס שטעקט א חכמה דא א קנאפע:
אז אך און ווי
צום סאלאווי,
אז ער מוז זינגען ביי דער קאץ אין לאפע.

לח. דער פויער און דער פערד.

אַ פֿערדל שטייט
ביים בייט
און קוקט זיך צו צום פויער, ווי ער נייט
מיט גאַרשטשעס האָבער אויפן פעלד און זייט.
„געהערט אַ מין מלאכה!—טראַכט ער—אסור,
אויב איך קען גאָר באַגרייפן, וואָסער
כונה ער קען גאָר דערינען האָבן:
זיך מאַטערן די ערד צוגראָבן
און נאָכדעם שיטן האָבער מיטן הויפן!
ניכּיי וואָלט ער עס מיר אַוועקגעגעבן,
צי אויסגעשאָטן אויפן הויף עס
צו פיטערן די עופות,
וואָלט זיין אַ גרויסע מצוה, כלעבן;
וואָלט ער עס אָפפירן אין שטאָט פאַרקויפן,
צי גיאַט באַהאַלטן, מילא איז קמצנות,—
נאָר סתּם אַזוי צושיטן—נאַריש, בנאמנות!”
דער פויער אָבער נייט און זייט זיך טריט ביי טריט,
די זריעה האָט זיך שפעטער גוט צובליט,

סוף זומער אַ געבענטשטער שניט,
דער פויער שפּייזט זיין פערדל אויך דערמיט.

לט. דער סוחר.

—אהער קום, ברודער זעליג־חיים,
וואו האסטו דארטן זיך פארשטעקט?
טו נאר א קוק, ס׳אן עסק כ׳האב געמאכט א נייעם,
אזוי אוי, האב איך א ביינדל אפגעלעקט!—
אזוי שרייט חייקל שניט־קרעמער צו זיין פלעמיאניק
און רייבט די הענט פון תענוג—
נעדיינקסט די דעשטל לארזער טוך,
וואס קיינער האט ניט אנקוקן גע־וואלט,
ווייל ס׳איז פארפוילט, פארנעצט, צוקריכט ווי פוך?
איז איצט א נאר אין קראם געקומען
און האט פאר איינגלישע עס צוגענומען,—
נא קוק, א גרייטן הונדערטער באצאלט,—
מעגסט נאך ביי מיר אין מסחר לערנען שכל!
—אודאי, ענטפערט זעליג־חיים מיט א שמייכל!—
נאר ווער ס׳איז היינטיגס מאל דער נאר,
דאס ווייס איך נאך ניט כ׳לעבן;
אט זע, ער האט דאך דיר דערפאר
א פאלשן הונדערטער געגעבן!

מ. דער הונט און דער פערד

אַ הונט דינט מיט אַ פערד בײַם זעלבן בעל־הבית.
אײנמאָל פאַרהערן זײ זיך, זאָגט כּאַרבאָס:
„זע, זאָג נאָר מיר, מײַן ליבער,
דו מײנסט, אַז שלעפן װעגענער און סאָכעס
איז שױן דער בחיר פון אַלינקע מלאכות
און אָט דערמיט נעמסטו זיך טאַקי איבער?
אַ גלײַכעניש מיט מיר אַודאַי—
איך װײס דאָך קײנמאָל גאָר קײן רו:
אַ גאַנצן טאָג היט איך די סטאַדע,
בײַנאַכט דעם הויף דערצו!“
„נו יאָ, זאָגט אים דער פערד,
פאַרלײקענען קען איך דאָס ניט;
נאָר װען איך װאָלט ניט אַקערן די ערד,
װאָס װאָלסטו דאָ געהיט?“

מא. דער וואסערפאל און דער טייכל.

א וואסערפאל, וואס קאכט און ברויזט פון פעלזנוואנט,
פרעגט איינמאל ביי א טייכעלע זיין שכן,
(וואס איז זיך אונטן צניעותדיג געקראכן,
נאר איז דורך זיין רפואה־וואסער גוט באקאנט):
זאג, טייערע, איך קען עס ניט פארשטיין,
דו ביסט אין וואסער דאך געמיין,
פארוואס־זשע האסטו געסט־באזוכערס אזוי פיל?
נו, מילא, ווער עס קומט צו מיר,
געפינט ער וואונדער־שיינקייט אן א שעור,—
ביי דיר וואס?—א רפואה!—בורטשעט יענער שטיל.

מב. דער סאלאוויי.

אַ יעגער האָט אין װאַלד געפאַנגען
אַ גאַנצע מחנה סאָלאָװײען,
אין שטײַגלאַך זײ צוהאַנגען,
געװאַרט אויף זײערע זיסהאַרציגע געדרײען.
די זינגערס זיצן אין פארשטיקטער אײנגשאַפּט
און גײען אוים פֿון בײנקשאַפט:
װער נאָכן גריגעם בוימעלע,
װער נאָך זײַן ליבער הײמעלע
און לאָזן ציקלדיגע טרעלן,
װאָס פלײצן שטראָמענדיג און קװעלן.
אײן סאָלאָװײ איז מער פון אַלעמען פארצאָגט,
פון זײַן געליבטער אָפּגעשײדט,
דער אומעט נאָגט זײַן הערצעלע און פּלאָגט,
ער גײט שיר אוים פֿאַר צער און לײד.
ער זיצט און שװײַגט פאַראומערט טאָג און נאַכט
פאַרטראַכט,
און פלוצים פאַלט אים אײַן אַ רעיון:
װאָס איז דערפון די פעולה,
װאָס איך האַלט תמיד אין אײן דאגען

און קלעמען זיך און שווייגן?
דערמיט וועל איך זיך ניט באַפרייען.
מיר דוכט, איך האָב אַ גוטע סגולה:
דער בעל־הבית גייט אויס,
זעט אויס,
נאָך אונזערן אַ ניגון;
וועל איך אים מאַכן פאַרגעניגן,
צווינגען זיך גאָר אָן אַ שעור,—
דערפאַר,
וועט ער מיר אפשר אָפּצאָלן מיין שכר
און עפענען פון שטייג די טיר.
די עצה איז דעם סאָלאָווי געפעלן,
און באַלד צולאָזט ער זיך אין זיסע טרעלן,
באַזינגט דעם טאָג, באַזינגט די נאַכט,
דעם מאָרגן־גלאַנץ, די אָוונט־פּראַכט,
אַז אַלע זינגערס ווערן באַלד אַנטשוויגן
פאַר זיין באַהאַרצטן, הילכעדיגן ניגון.
נאָר וואָס־זשע איז דערפון געוואָרן?
דער־יענער קומט אַריין אין צאָרן
אויף אַלע פויגעלאַך די שטילע,
ער וויל זיי מער ניט אָנקוקן אפילו
און האָט זיי אַלעמען פאַרטריבן,—
דער שיינער זינגער איז אין שטייג געבליבן.

מג. דער הונט.

נעװען אַ מאָל אַ הונט אַ װײַסל פֿונם אויג,
אַ גנב כאָטש ניט שטעל פֿאַר אים, ניט לײַג,
כאָטש ס'פֿעלט אים ניט בײַם בעל־הבית, נאָר באשר
ער איז זיך סתם אַ הונט אַ גרויסער נאַשער:
וואו עפּעס פֿלײשיגס נאָר דערשמעקט,
האָט ער שוין באַלד די ביינער־עלאַך געלעקט.
דער בעל־הבית פֿלעגט שלאָגן מכות־רצח,
געהאָפֿט ס'װעט העלפֿן סוף כל סוף;
נאָר ניט אַזוי גיך טוט זיך װי עס רעדט זיך:
דער הונט באַלעקט זיך פֿונם שטראָף,
מאַכט אויך דערבײַ אַ הינטיש חנדל
און—גריזשעט אַלץ דעם ביינדל.
זיך אויסגעליטן אָן אַ שעור
האָט אונזער גביר
אַמאָל בײַם שכן זיך פֿאַרקלאָגט,
דער שכן טוט אַ טראַכט און זאָגט:
דו שלאָגסט דעם הונט אַפֿילו װי אַ גבור,
נאָר די גנבה לאָזטו בײַ אים איבער.
און איך מײן: שלאָג אים בעסער קנאַפּער

אונ נעֶם די פליַיש בײַ אים אַוועֶק,
ווֶעסטו זעֶן ווי עֶר ווערט אוים כאַפּעֶר.
דעֶר גביר פּאָלגט יעֶנעֶמס עצה טובה,
אונ זעֶ: זײַן זולל וסובא
ווערט בּיסלאַכווײַז אַ נזיר, ווי אין די נײַן טעֶג.

מר. דער שלאַנג.

דער שלאַנג זאָגט אײַנמאָל צום יופּיטער:
אָ גרויסער הערשער און געכּיטער,
פאַרנויג אויף מיר דעם חסד פון דײַן שכינה
און שײַנק מיר, ווי דעם סאָלאָווײַ, אַ קול נגינה!
דו הערסט, ווי מיאוסדיג איך שיפּע?
אָט דאָס פאַרפּאָלגט מיך ווי אַ שוואַרצער שאָטן:
דער שוואַכער ווײַכט מיך ווי אַ קליפּה,
דער שטאַרקערער וואָלט מיך צוטראָטן.
נײַן, אײדער אַזאַ קול אַ מיאוסער,
וואָלט גלײַכער זײַן אַ טויט מיר אַ געחיסער!
יופּיטער פאָלגט דעם שלאַנג
און שײַנקט אים אַ בנעימותדיגן קלאַנג.
אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים,
פאַרטיפט ער זיך אין שטײַנער, ווי אין טרוים,
אָט ממש נאָר אַן עכטער סאָלאָװײַ.
עס קלײַבט אַ גרויסער עולם זיך אַרום,
און אַלע שטײען, הערן שטום
דעם זיסינקן מנגניִשן געדרײַ.
נאָר צוקוקנדיג זיך צום זינגער נאָנט,

האָט אַ קלײַן פֿויגעלע דעם שלאַנג דערקאָנט;
פֿון איר דערוויסט עס זיך אַ צווייטע,
באַלד טראָגט עס זיך צו אַלעמען אַריבער,
עס ווערט אַ מורמלעניש אין גאַנצן צבור,
און אַלע מאַכן אײַנציגווײַז די פּליטה.
—וואָס איז דאָ—טוט דער שלאַנג אַ פֿרעג—
גאָר פּלוצים פֿאַר אַ מין געיעג?
איז מײַן נגינה אײַך נאָך ווייניג זיס?
—נײַן, פֿאַר דײַן זינגען ביסטו ווערט אַ לויב—
שרײַט אויס, אַנטלויפֿנדיג, די טויב—
נאָר אונז שרעקט אָפּ דײַן גיפֿטיג־טויטנדיגער ביס.

מה. דער לייב און דער פוקס.

דער פוקס דערזעט דעם לייב צום ערשטן מאָל,
פון שרעק אַנטלויפט ער איבער באַרג און טאָל;
צום צווייטן מאָל דעם לייב דערזען,
רוקט ער זיך אָפּ אַ קלאַפטער צען;
צום דריטן—צוויי דריי טריט,
צום פערטן—גייט ער שוין צום לייב מיט אַ וויזיט.

ט. א בער א מתמיד.

א פויער האָט פון דוגעס בוינן
א גרויסע שפע זיך געצווינן.
(פאַרשפּייט זיך, דאָס פּאַרנעמט אי ציַיט,
אי מוח, אי געדולדיגקייַט).
דאָס זעט אַ בער
און וויל אויך אַרבעטן ווי ער.
ער מאַכט אין וואַלד
א ליאַרים, אַ געהאַלד,
ער גייט און רײַסט און ברעכט
בעריאָזעס, ליפּעס, יעגלעס, ווי משוגע,
ער דרייַט און קנייטשט, נאָר שלעכט,
עס בויגט זיך ניט קיין דוגע.
קומט ער צום פויער מיט אַ טענה,
ער זאָל אים מאַכן קלאָר די צרה זײַנע:
אמאַי די בוימער ברעכן קען ער,
אז ס'פליהען הויך די שפּענער,
קיין דוגע אָבער קומט אַלץ ניט אַרויס?
דער פויער זאָגט: ס'איז אַלץ דייַן שולד;
דייַן כוח איז אַפּילו גרויס,

התמדה האָסטו אויך אַפילו,
נאָר ווי קען זיַין דערפון אַ פעולה,
אַז ס׳פעלט דיר, ברודערל, אי מוח אי געדולד!

מז. די זשאבע.

אין ריטשקע בײַ א באַרג זיצט זיך א זשאַבע,
איז זי זיך פּסח־צײַט מיישב: „הלמאַי
דאָ חושכן אין בלאָטע? אַדרבה,
דאָרט אויבן איז דאָך לופטיג, זוניג, פרײַ;
אָט בעסער גײַן אַהין באַגעגענען דעם מאַיו״
געדערט געטאָן.
אַרויפגעשפּרונגען אויבן אָן,
זעצט זי זיך אין א לוזשקעלע אַװעק
און קלײַבט תענוגים אָן א ברעג
פון איר געליבטער רעזידענץ,
פאַרברײַנגענדיג די טעג
אין שירה־זינגען און אין טענץ.
נאַר ס׳דויערט קורץ איר פאַרגעניגן:
דער הײַסער זומער הויבט זיך אָן צו רוקן,
די לוזשע װערט באַלד פלאַך און טרוקן,
אַז ס׳גײַען דאָרט שפּאַצירן פליגן.
די זשאַבע פאַלט אַרײַן אין מרה־שחורה
און הויבט אָן טענען, קװאַקענדיג צום בורא:
„געװאַלד, װאָס האָט צו מיר דער זומער דער מחבל?

ס'אַן אָנשיקעניש אָט די היץ!
דו קענסט דאָך, גאָטעניו, אַראָפּשיקן אַ מבול,
פאַרטרינקען אַלץ ביז אָט דעם שפּיץ,
וואָלט איך מיר ווייטער זיצן אין מיין נאָרע
און פּליושקען זיך אין וואַסער ווי אַ שררה!"
דער בורא טוט זיך שטילערהייט אַ שמייכל
און זאָגט: דו מיינסט. עס איז אַ שׂכל,
די ערד פאַרטרינקען מיט די מענטשן,
אַבי דיר מיט אַ ביסל בלאָטע בענטשן?
אָט גלייכער דול מיר ניט קיין קאָפּ
און קריך אַהיין צום זומפּ אַראָפּ!"

מח. דער פויער און דער הונט.

אַ רײַכער קאַרגער פויער
האָט מיט זײַן הונט געשלאָסן אַ נעשעפט אַ גאַנצן:
ער זאָל אים זײַן אַ שומר פֿאַרן טויער,
אויך באַקן ברויט און פּיעלען, זײַען, פלאַנצן.
דער עולם וועט כּסתמא חוזק מאַכן:
אַ הונט אַ מושלם נאָר אין אַלע זיבן זאַכן?
נאָר אויף אַ מעשה פֿרעגט מען ניט קײַן קשיא:
דער פויער האָט געוואָלט פאַרשפּאָרן,
דער הונט—פֿאַרדינען גוטע פּאַשע,—
אַזוי איז דער געשעפֿט געוואָרן.
דער פויער לאָזט זײַן הונט דעם חכם
און פאָרט אַוועק אין שטעטל אויף רוחים.
צוריק געקומען—אוי, אַז וויי און אָך אים!—
אין שטוב, אין פעלד אַ חורבן, אַ תּל־עולם,
קײַן ברויט געבאַקט, קײַן פּירות, גרינסן פֿאַר אַ דרײַער,
דערצו האָט נאָך אַ גנב אויסגעראַמט דעם שײַער.
דער פויער שרײַט צום הונט: געוואַלד, דו גולם
וואו איז געהערט אַזאַ סקאַנדאַל?
דו האָסט דאָך מיך געשטעלט בדיל־הדל!

נאָר יענער טענעט:

„איך בין ניט שולדיג, הער זיך איינעט:

דעם ברויט האָב איך פֿאַרזען,

װײַל כ'בין אין סאָד פאַרטאָן געװען,

און ניט געהיט האָב איך דעם בנין,

װײַל כ'האָב געדאַרפט דעם ברויט ראָשטשיגיען.

מט. די מוראשקע.

געזעהן אַ מוראַשקע אַ שטאַרקע,
ווי ס׳גיט זיך איין נאָר איינמאָל אין אַ דור;
פלעגט קענען שלעפּן אויפן באַרקע
צוקראָווע קערנדלאַך אַ גאַנצע פאָר.
היינט וואָלט איר זען אַ כוואַט:
קיין מורא קיינמאָל ניט געהאַט,
ניט נאָר געטשעפּעט זיך מיט ווערים,
האָט שוין אַ שפּין אַרויסגעריסן די געדערים.
דערפאַר האָט זי אין מוראַשניק אַ שם
נאָר פאַר אַ גרויסן גבור.
מיט אָט אַזאַ פאַרנעם
נעמט אונזער מוראַשקע זיך זייער איבער,
און איינמאָל האָט זיך איר פאַרגלוסט,
צו ווערן אויך אין שטאָט באַוואוסט.
און ניט נעקווייקלט לאַנג,
נעמט זי זיך דורכפירן אָט דעם געדאַנק:
אַרויפגעקלעטערט אויף אַ וואָגן סכך
און מיטגעפאָרן אין אַ נאָנטן כרך,
געשטעלט זיך-דאָרטן אויפן מאַרק,

נעֶכאַפּט אַ בלעֶטל אויפן קאַרק,
חאויל־יוּנגעֶריש זיך אויסגעֶצויגן,
ברחבֿוּתדיג פאַרגלאָצט די אויגן
און וואַרט: אָט כאַלד, אָט ט׳זין
קומט אָן אַ טויזנטקעֶפּיגעֶר המון,
די מוראַשקעֶ באַהאוּנדעֶרן.
נאָר ווײַ, ס׳האָט א׳מלאַכעֶר אין שטאָט
אַן עסק אַ באַזונדעֶרן,
איר זעֶט ניט קײנעֶר גראָד.
די מוראַשקעֶ ווערט ברוגז
און הויבט אָן טענעֶן פאַר באַרבאָסן:
„געֶזעֶן אַ טאַראַראַם, אַ שמחה־ששון!
נו, זאָג אַלײן, וואָס בּויג עֶס,
אַז קײנעֶר האָט קײן צײַט ניט אַ מינוט,
אַ חידוש־זאַך באַקוקן גוט;
מ׳קוקט אַפילו ניט אויף מיר
מיט מײַנעֶ גבוּרות אָן אַ שעור!
און איך בין דאָך, מײַן ליבעֶר,
אין מוראַשניק דעֶר גרעֶסטעֶר גבור!“
פון דאַמאָלט אָן שוין צײַט אַוועֶק אַ סך,
די מוראַשקעֶ קומט קײנמאָל ניט אין כּרך.

ג. דער פויער און דער פוקס.

„זאָג, ליבינקער,—פרעגט איינמאָל בײַ אַ פוקס אַ פויער—
למאַי ביסטו פון תּמיד אָן אַ בעלן,
אויף מײַנע עופות רק באַפאַלן?
איך מוז דיר זאָגן אויפן אויער
(דאָ הערט דאָך קײַנער ניט):
אויף דיר איז אַ רחמנות פשוט;
ביסט, אמת, אין גנבות גאַנץ געניט
און פון עין־הרע אָפגעהיט,
פונדעסטוועגן זײַן תּמיד אַלץ אַ חשוד
איז אויך ניט קײַן געשמאַקער ביסן;
הײַנט קענסטו האָבן אויך אַ פסק אַ מיאוסן:
מ'זאָל דיך פאַקן בײַ אַ גנבה,
וואָלסטו נעצאָלט פאַר עבר און פאַר הוה".
—אַוודאַי, זאָגט דער פיקסל מיט אַ קרעכץ,
זאָל איך אַזוי זײַן אָפגעהיט פון שלעכטס,
ווי ס'איז מיר מיאוס שוין די אומנות;
נישמער דער דלות, די משפחה, מײַנע צרות,
אַז דאָס איז דאָך מײַן גאַנץ אויסקומעניש!—
„ווייסט וואָס?—

זאָגט אים דער בעל־הבית—
קום אָן צו מיר פאַר אַ משרת,
אַ קאַטונד־היטער;
ביסט דאָך אַ פּיקסל גנב אַ געניטער,
וועסטו פון פּיקס די עופות שיצן,
דערפאַר אויף גבירישע מזונות זיצן."
—נו גוט!—געמאַכט אַ ת"כ,
דער פּיקסל דינט ווי אַ בריהק
און קריגט זיך פיינע שכירות,
לויט דעם בעל־גופס עשירות.
דער פוקס ווערט זאַט, דער פוקס ווערט פעט,
דער פוקס בענקט אָבער נאָך זיין אַלטן חטא,
און איינמאָל ביי דער נאַכט, כחצות,
האָט ער ביים בעל־הבית
אין קאַטוך ביז איין עוף פאַרצוקט
און באַלד זיך אָפּגערוקט.

נא. די קראָ און די הון.

עס גייט אַ שונא אויף אַ שטאָט.
דער עולם ראַטעוועט ווער וואָס עס האָט
און לויפט אויף גאָטס באַ־אָט.
אַ קראָ שטייט אויף אַ דאַך און, ווישנדיג דעם נאָז,
קוקט זי אַראָפּ אויף אַן אָבאָז,
וואָס שלעפּט זיך מיט אַ גרויסן עולם,
מיט בהמות, עופות בעבעכעס און כלים.
אַ הון פון וואָגן טוט אַ פרעג דער קראָ:
„וואָס שטייסטו רוהיג דאָ
אין אַזאַ גרויסער שעה?
קום פאָר מיט אונז אַרויס,
צי ווייסטו ניט אַז די סכנה איז נאָר גרויס?"
„פאַר וועמען אַ סכנה, איך קוועל אָן דערפון,—
זאָגט מיט אַ שמייכל יענע,—
אַ קראָ, פאַרשטייסטו מיך, איז ניט קיין הון,
פון מיין פלייש איז דער מענטש ניט נהנה,
דאָ בלייבן קען איך זיך פאַרגינען,
איך קען נאָך אויפן פגרים־פעלד געפינען
אַביינדעלע צי פלייש אַ שטיקל,

וועל איך עס אויפכאַפּן ווי אַן אַנטיקל.״
און אונזער קראָ איז טאַקי דאָ געבליבן.
דער שונא האָט זיך אין דער שטאָט פאַרקליבן,
צום עסן קיין זאַך ניט געפונען,
די גאַנצע עסנוואַרג ווי אויסגערונען;
פאַר נויט
האָט ער די קראָ געטויט
און איר געגעסן אָנשטאָט ברויט:

———

עס טרעפט אַ מענש גלעט זיך דעם בייכל,
ער ריכט זיך אויף אַ גרויסאַרטיגן מאכל
און—פּאַלט אַליין אַרײַן פונקט ווי אַ קראָ אין יאַיכל.

נב. דעם בערם סעודה.

א מאָלציַיט האָט דער בער געמאַכט.
פאַררופן קרובים, שכנים, נאָנטע, וויַיטע,
געסעודהמעט א גאַנצע נאַכט
א סעודת שלמה בשעתו.
א שבע ברכות, א בר־מצוה, צי א ברית,
נאָר מ׳האָט דערלאַנגט משקאות און מאכלים,
וואָס אַפילו קיינער האָט קיים געזען אין חלום.
צום סוף איז מען שוין קוים געשטאַנען אויף די פיס,
ר׳ בערל איז אַריַין אין ברען
און הייבט אָן וויַיזן וואָס ער קען:
אַרויס פון טיש
און פריַילאַך פריש
א מענצעלע געכאַפט.
דער פיקסל קריכט אַרויף נאָר אויבן
און פאַטשט און קלאַפט
און הערט ניט אויף דעם בער צו לויבן:
„אי, זעט נאָר, אָטאָ שטעלט ער פאָלקעס.
אָט קיַיקלט ער זיך נאָר קאַזיאָלקעס,
ס׳אַ שיינע חנדעלאַך באַוויַיזט ער,

אָ, אָ, ר׳ בער, אויף טעניץ אַ גרויסער מײַסטער!״
דער וואָלף, זײַן שכן, טורקעט אים אין פּיסל:
אוי, פּיקסל, קענסטו חנפענען אַ ביסל!
איך זע דאָ, כלעבן, קײַן שום גדלות,
ער האָט דאָך אַ פּאָר פּים ווי צחיי קאָוואַדלעס!״
„נו, וועלוול, זאָגט דער פוקס, ביסט נאָר אַ שוטה,
דעם סוד פון ענין קענסטו ניט דערטאַפּן;
זײַן טאַנצן טאַקי האָט אַ טעם אַ קנאַפּן,
דערפאַר האָט ער אַ קעשענע אַ ברײַטע,
מ׳קען בײַ אים אַ גוטן ביסן כאַפּן.״

נג. דער פילאזאף.

אַ גערטנער אַרבעט פרילינגצייט אין גאָרטן
חיז ס'וואָלט אַן אוצר זיין פאַרגראָבן דאָרטן;
צוהאַקערט און צוגראָבן איטלאַכס בייט,
אַ פּאָר שאָק אוגערקעס פּאַרזייט.
מיט אים אין שכנות זיצט אַ פילאָזאָף,
האָט ער אַ גאָרטן אויך געהאַט
און אויך געגריבלט און געגראַבלט אָן אַ סוף,
נאָר ניט אין גאָרטן—אין אַ צייטונגס-בלאַט:
געזוכט אַ מיטל אַלץ אַ נייעם
צו זייען, בראָנעווען און אַקערן;
פון פרי ביז נאַכט איז אַלץ כּדאַי אים
אין די זשורנאַלן, צייטונגען צו חקרן,
כּדי זיין בייט זאָל טאַקי זיין פון יענעם סאָרט,
וואָס ס'רופט זיך אָן: דער לעצטער וואָרט.
און נאָך פיל חקירות האָט ער אויך צולעצט
מיט אוגערקעס זיין גאָרטן אויסגעזעצט.
אַמאָל זאָגט ער צום שכן מיט אַ שמייכל:
„נו, זאָג אַליין, וואָס איז עס פאַר אַ שכל,
גלאַט גראָבן, פלאַנצן נאָר אָן חקירות?

אָט איך צופלאַנעווע מײַן גערטל מיט אמירעס.
באַארבעט קודם אויף פּאַפּיר עס,
װעסט זען מײַן גערטעלע—אַ שטיק עשירות!״
—אָך, הלואַי,
װער ס׳גינט דיר ניט זאָל דער אַלײן ניט האָבן!
מײַן גאָרטן דינט מיר אויך געטרײַ,
אַבי איך זאָל אים נאָר מיט חשק גראָבן.
נאָר זאָג מיר, פּריצל, װי קען אַ בלאַט
דיר שאַפן אוגערקעס צו זעט,
בשעת דײַן גאָרטן שטײט נאָך אומבאַאַרבעט גלאַט?
עס װעט דאָך באַלד שוין װערן שפּעט!—
—נו, כ׳האָב נאָך אַלץ קײן צײַט געהאַט,
נעכטן, פֿאַרשטײסטו מיך, אַ ביזלן,
אדורכנישטערן בלעטלײַ זשורנאַלן:
אין װאַסער װערקצײַג ליגט די מזל־ברכה,
אין פּלוג, אין רידעל, צי אין כאָבע?
נאָר צײַט, מײַן איך, איז נאָך פֿאַראַן גענוג!—
—נײַן, פּריץ, איך בין ניט אַזױ שטאַרק קלוג,
איך װײס, אַז נאָר אין בײַט
ליגט כל טוב אָנגעגרײט!—
דער פּויער זאָגט עס אָפּ און נײַט
די אוגערקעס באַטראַכטן גיבער;
דער פילאָזאָף פֿאַרנעמט זיך מיט די ביכער,

אַ גאַנצן טאָג אין איין קלאָפּאָט,
אין ספרים, צייטונגען געזוכט, געגורשט
אַ נייעם פּלאַן, אַ פֿרישן ראָט,
ווי בעסער יונגע גרינס געראָט;
די ערד צוגראָבן און צומורשט,
אָט זעצט ער איין, אָט זעצט ער איבער,
צושאָטן בערנעלאַך, צוגראָבן גריבער;
דער גרויסער פילאָזאָף און קענער
איז נאָר אַ קחל פון שפּאָנל־נייע פלענער.
נאָר סוף כל סוף,
חען אין זמן שכנס נאָרטן
איז אויסגעוואָקסן אונערקעס מכל הסאָרטן,
ליגט נאָך ביי אונזער פילאָזאָף
די ערד אַ וויסט־פאַרחושכטע אלמנה,
ניטאָ קיין אונערקע אויף „שהחיינו.“

נד. די בין און די פליגן.

צוויי פליגן שיקעוען זיך אוים,
אוועקפליהען גאנץ ווייט אהין, אהין
און רופן אויך ארוים
צו זיך די בין:
נעזען זיך מיט א פאפוגיי מיט א באקאנטן,
האט ער זיי נסים אנערצײלט פון יענע קאנטן;
און אב איז אלײן זיי מיאוס
דאס חיות,
וואס אין דערהיים איז מײן זיי שטארק מבזה,
מ'לאזט זיי ניט געניסן פון קיין עולם הזה.
ביים גביר מעג זײן כל־זנב, זיי ניט מען מכות,
א עם, א נאש—פארדעקט מען מיט קאלפאקעס
זיך אויסגעלערנט ניפט באשמירן
אויף בלעטלעך פאפירן;
און ארימערע באטקעס
פארשפרייט מען שפינוועבענע שאטקעס,
און ווי ס'פארפלעכט זיי גאר דער נעץ,
איז שוין דער קץ!
—מוזי קען ווייטער זיך ניט פירן,

—מיר מוזן עמיגרירן!

—געזונטערהייט!

איך לעב אויך דאָ אין נחת און אין פרייד;
מיין האָניג איז אַ טייערע פרנסה,
געניג פאר לייטן און פאַר זיך הכנסה,
איך אַרבעט זינגענדיג און האָב קיין צער,
נאָר איר פאַרשפּאָרט גאָר זיין אין כעס
און פירן ערגעץ גליקן זוכן,—
כל זמן איר וועט אַרומגיין פוסט און פאַס
און לעבן שטענדיג מן המוכן,
וועט תרפּה און בזיונות בלייבן אייער שכר.

נח. די וועוויארקע אין ראד.

עס שטייט אין דארף א עולם פאר א פריציש
און אלעמענס התפעלות איז נאר גרויס
פון א קליין וועוויארקע ביים פענסטער אין א ראת
אויך אויפן בוים א שוועלבל כאפט התפעלות:
די וועוויארקע דרייט זיך ארום אין קאראהאר,
אז ס'בלישטשען קוים די פיסעלאך,
די קעפעלע, דער וויידעלע צופיסעלאך.
די שחאלב פרובירט זיך פרעגן שאלות:
„צו וואס אזא מין יאגעניש
און הוהניש און פלאניעניש,
חער האט דערפון א נוץ?
„אי, פרעג ניט, זאגט די וועוויארקע, צו וואס!
איך האב פון בעל־הבית
שליחות א גאנצע טוין;
איך עס ניט, שלאף ניט, ווייס קיין רו,
און רק איך פארע, רק איך טו.„
און ווידער לאזט זי זיך אוועק
אין איר געיעג.
„דו לויפסט — זאגט איר די שוואלב — דאס זע איך קלאר,
נאר רירסט זיך ניט פון פענסטער אויף א האר.

נג. דער ליגנער.

נעקאַנדרעקעט אַ צײַט לאַנג אויף דער וועלט,
קומט אָן אַהײַם אַ יונגער העלד
און מאַכט זיך מיט זײַן חבר אַ שפּאַציר אין פעלד.
דערציילט אים פלאי־פלאים פון וואָיאַזש
און פּאַלט אַרײַן אין אַזאַ מין קוראַזש,
אַז ער צופּליאַדערט זיך שוין אַזש.
—אַי, ברודערל, וואָס איז דאָ פאַר אַ לאַנד?
אַ חרפּה און אַ שאַנד!
דאָ הײַס, דאָ קאַלט,
דאָ ליכטיג העל און באַלד
די נאַכט די פינסטערע באַפאַלט.
אין יענער לאַנד—וואָס איז פאַראַן צו טראַכטן?
אַ מין גן־עדן־תחתון!
קײַן לאָמפּן, פוטערס ווערט גאָרניט געדאַכט,
ניטאָ קײַן ווינטער, ניט קײַן נאַכט,
נאָר שטענדיג וואַרים־העל אַ פּראַכט!
וואָס דאַרפסטו מער? דאָרט פלאַנצט מען ניט און זייט מען ניט:
און וואָלסטו זען, ווי ס׳וואַקסט און בליט!
איך האָב אַלײַן אין רוים אַ אוגערקע געזען

איז זי געווען
גרויס ממש ווי א בארג!
—אזוי!—פארוואונדערט זיך דער חבר שטארק—
די וועלט האט, אגב, פלאים אומעטום,
מ'דארף נאר קענען קוקן גוט ארום.
אט גייען מיר אצונדער
צו איינעם פון די גרעסטע וואונדער,
וואס איך קען שווערן,
אז דו וועסט אויך פון אים נשתומם ווערן.
די וועסט דעם טייכל מיטן בריק,
וואוהין מיר גייען—האט ער עפעס מאדנע שטיק:
אזוי א מענטש—כאטש נאר אהין און גיי צוריק,
כאטש פאר אויף אים מיט פערד און וואגן—
א ליגנער קען ער ניט פארטראגן.
זאל ער נאר גיין אויף אים א קלאפטער צוויי צו דריי,
צופלאצט דער בריק—דער ליגנער איז פארביי.
—איז עפעס דא א טיפער טייך?
—עט, מילא, וואס איז שייך?
אוודאי ניט קיין פלאכער טייכל,
זיך אפבאדן אין אים א קנאפער מאכל.
היינט וועסטו שוין סא מעשה נסים!
דיין אונטערקע, איך בין זיך מודה ומתודה,

איִז אויך אַ גרויסעֶר נס אַודאַי,
מ'מעֶג באַוואונדעֶרן געֶוויִס איִם;
אַ קלײַנינקײַט—אַ באַרג דז גרויס!
—עֶס רעֶדט זיִך גלאַט אַ באַרג, ניִט קלעֶנעֶר ווי אַ הויז!
—ס'איִז אויך אַ פלא,
כמעט גאָר ניִט צוּ גלויבן,
נאָר, ניִשמעֶר, אלא,
דעֶר בריִק, וואָס קעֶן אַ פעֶרד און וואָגן הויבן,
נאָר ניִט קײַן ליִגנעֶר, דאָס איז אויך אַ וואונדעֶר־זאַך.
וואָס דאַרפסטו גאָר אַ סך?
אַנומאָלט עֶרשט (עֶס האָט די שטאָט געֶקלונגעֶן)
האָט עֶר פאַרשלונגעֶן
אַ שדכן מיִט אַ שנײַדעֶר מיִט צוויי רעֶפאָרטיעֶרן...
דײַן אונגעֶרקעֶ, ניִטאָ אַודאַי וואָס צוּ קלעֶרן—
—איִך זאָג אַ הויז—אַלץ רופט מעֶן שטיִבעֶר!
דוּ מײַנסט ווי דאָ די מויעֶרן
מיט הויכעֶ פעֶנסטעֶר, טיִר און טויעֶרן?
כ'ווײס—לעֶכעֶר פּיִטשיִנקעֶ און גריִבעֶר,
קוים פלאַץ פאַראַן פאַר צוויי פאַרשוינעֶן.
—נוּ, דאָס איִז אויך גאָר אַן אַנטיִקל,
אַ אונגעֶרקעֶ פאַר אַ פאָרפאָלק צום וואוינעֶן!
נאָר אונזעֶר טײַכל מיִטן בריִקל—
ווי נאָר דעֶר ליִגנעֶר קומט—כאַלד טראַך!—

דער אורח קראַצט זיך, שטאַמלט: אַך,
איך מײן... למאַי דאָ קריכן אויפֿן בריק,
אָט בעסער קום אין שטאָט צוריק.

נז. הינטישע חברשאַפט.

אין הינטערהויף בײַם פענסטער ליגן
צװײ הינט: פאָלקאַן, באַרבאָס.
זײ װאַרימען זיך אויפן זון און כאַפּן פליגן
און שמועסן פון דיזן־ראַזן, יענץ און דאָס.
ס'װאָלט אפשר גלײַכער זײַן, דעם הויף צו היטן,
נאָר גײ אין העלן טאָג אינמיטן
באַפאַל און ביל אַזוי זיך גלאַט
בפרט נאָך, אַז דו פילסט זיך זאַט.
אָט בעסער רײדן זײ פון זײער דאָליע.
פון סתם גוטס־שלעכטס, און אָט אַזוי פּאַװאָליע,
נעמט מען אַריבער אויפן ענין פון חברותא.
„ס'איז כלל ניט, זאָגט פאָלקאַן, קײן שום רבותא,
אַז חברשאַפט איז בעסער װי אַלײן.
אָט לעבט מען זיך װי גוטע שכנים
אינאײנעם,
און אַנדערן ניט גײן ניט שטײן,
אַ גמילות־חסדל געטראָגן גלײַך אַנטקעגן,
אַ טובה—מיטן גאַנצן לעבן און פאַרמעגן,
דעם חברס שונאים

צודראַפּען באַלד די אויגן מיטן פּנים,
מ׳וואַרט און גאַרט נאָר אויפֿן אויגנבליק,
דעם חבר צושאַרן אַ שטיקל גליק.
אָט ווען, למשל, איך מיט דיר,
מיר האָלטן זיך געמאַכט יד־אחת,
נאָר חברשאַפט, געטריישאַפט אָן אַ שעור—
מיר וואָלטן דאָך געפרעגלט זיך אין נחת!"
—וואָס מיינסטו?—ענטפערט אים באַרבאָס—
איך קלער שוין לאַנג אָט טאַקי דאָס:
סטייטש, שטייט דאָך עפּעס דאָרט „מה נעים ומה טוב",
צום סוף—מיר בּיידע, הינט פון זעלבן הויף,
און תמיד בייסעניש און געשלעג,
ניי פרעג:
פאַר וואָס, פאַר ווען ?
אַז קיינמאָל האָט אונז קיין זאַך ניט געפעלט,
מיר ווייסן ניט פון הונגער, נויט און קעלט.
איך שווער דיר אויף מיין „הן",
ס׳איז גלאַט בּיזי־בּזיונות:
מיט הינטישער געטריישאַפט פלעגט מען זיך דאָך בּענטשן;
ערשט נאַ דיר הינט, נאָר פונקט ווי מענטשן,
ניט ווויסן ווי מ׳לעבט אין שכנות,
שלוי־שלך, שלך־שליו!"
—„אָט לאָמיר טאַקי זיין אַ מוסטער!"—

—דײַן לאַפּע!—„אָט איז זי!“—
באַרבאָס שטײט אויף, דעם פּרײַנט פּאַלט אויף דער ברוסט ער,
און ס'הויבט זיך אָן אַ האַלזעניש, אַ האָצקעניש,
אַ קושעניש, אַ שמאָצקעניש
בײַ אונזער פּאָר פּאָלקאַן מיט זײַן באַרבאָסן,
חברים, ברי־ער—גאָרניט שייך!
אין דער היסטאָריע קײַן פאַרגלײַך!
„מײַן ליבער דוד“—„אוי, מײַן טײַערער יונתן!“
נאָר גראָד אין דער מינוט דער שענסטער
האָט דערט די קעכן פונם פענסטער
אַרויסגעוואָרפן אויפן הויף אַ ביין.
מײַן פּאָר חברים לאָזן גלײַך זיך לויפן
גאָר אויפן הינטיש-פּראָסטן אופן,
מ'רײַסט זיך, בײַסט זיך מיט די נעגל, ציין,
ביז מ'האָט אונזער דוד און יונתן
מיט אוקראָפּ אָפּגעגאָסן.

————

איך קען חברים נאָר אַ סך אַזוינע:
אַ ליבשאַפט, דוכט זיך, אין לשער—
וואַרף נאָר אַ בײנדעלע, דער חבר דער געטרײַער
איז שוין דעם צווייטן אַ דם-שונא.

נח. די דורכגייערס און די הינט.

אַ פּאָר חבֿרים גייִען זיך פאַרנאַכט
אַרײַנגעטאָן אין שמועס און פאַרטראַכט.
ערשט ס׳בילט אַ הויפהינטל אויף זיי,
באַלד נאָך אַ צוויי,
און פלוציונג שוין אַ גאַנצע סטאַדע,
אַ צענדליג פינף אַוראַי.
וויל איינער אויפהויבן אַ שטיין.
— אַי, ברודער, זאָגט דער צווייטער, ניין,
איך קען שוין אָט די בילער,
מיט שטיינער מאַכט מען זיי ניט שטילער,
זיי ווערן נאָך צורייצט. אָט לאָמיר ווייטער גיין.
און טאַקי: אָפּגעגאַנגען פופציג טריט—
די כלבים ווערן מיד,
און שפּעטער הערט מען שוין קיין פּאַרע ניט.

נט. דעם עלפאנטס הצלחה.

עס איז אין וואלד א קלאנג ארויס,
אז ביי דעם לייב איז איצט דער עלפאנט גרויס,
און ס׳הויבן אן צו קלערן גרויס און קליין:
מיט וואס האט ער געפונען חן.
„ניט שיין, ניט קלוג און אויך ניט קיין בעל־נימוס!"
—וואלט ער געהאט—זאגט פיקסל דרייענדיג דעם ווידל—
אן עק לאנג, פוכיג, ווייך און איידל,
וואלט איך פארשטאנען וואס מ׳מאכט פון איס א צימעס!
„צי—זאגט דער בער—וואלט ער געהאט אזא מין רגל
מיט שארפע נעגל—
נו, מילא, עפעס פארט א קרן!"
—„שא, שרייט דער פיקסל, אפשר פאר די קליקעס:
געמיינט ס׳איז הערנער ווי ביי ביקעס!"
—„ניין, איך וועל אייך דעם סוד דערקלערן—
האקט זיי דער אייזל איבער—
דער עלפאנט איז ניט שיין, ניט קלוג און ניט קיין גבור,
נאר ער האט לאנגע צוויי אזנים
דערפאר האט ער געפאקט דעם ראנג דעם נייעם.

ס. דריי יונגע און אן אלטער.

דרײַ בחורימלאַך גײַען
און זעהען ווי אַ זקן
וויל אויפן פעלד אַ בוימעלע פאַרזײַען.
„וואָס טויג דיר—לאַכן זײַ—אַזוי פיל מי פאַרבראָקן,
כּדי צו לאָזן פּירות
פאַר קומענדיגע דורות?
אין דײַנע יאָרן איז דער בעסטער מיטל:
אין שטיבל זיצן, זאָגן תהילים אַ קאַפּיטל,
זיך צוגרײַטן אַ חתּן קיטל
און טראַכטן נאָר פון יום המיתה,
די אַרבעט לאָז אונז, יונגע, איבער;
צי קלערכטו לעבן לאַנג ווי מתושלח?
—צי לעבן לאַנג נאָך וועל איך,—
זאָגט זײַ דער זקן מיט אַ שטים אַ ווייכע,—
דאָס ווייס איין גאָט דער ליבער,
איך בין אַליין גאַנץ אָפט געווען אַן עדות,
ווי ס'האָבן אַלטע זיידעס
די אייניקלאַך אַרײַנגעלייגט אין גריבער.
נאָר ארבעטן אָן פּניות און מחשבות

האָב איך בירושה נאָך פון מײַנע אבות.
אַט רוקט זיך אָפּ
און לאָזט מיך גראָבן װײַטער.—
די יונגע לײַטלאַך שאָקלען מיטן קאָפּ
און טראַכטן: „עך, װאָס ברײַט ער!"
נאָר װאָס זשע איז געװען דער סוף?
איין בחור, האָט נעפּאשעט זײַנע שאָף,
האָט אים א װאָלף צוריסן;
דער צװײטער האָט זיך אויף א שיף פאַרדונגען,
האָט אים די פּאַליע אײַנגעשלונגען;
דער דריטער האָט געהאַט אַ סוף אַ מיאוסן:
אין שמוציגע עברות זיך אַרײַנגעלאָזן
און גיך דעם אָטעם אויסגעבלאָזן.
די קברים זײַערע באַװאָקסן שוין מיט מאָך—
און אונזער שװאַכער זקן שטײט און אַרבעט נאָך.

סא. דער פויער און זיין קנעכט.

אַן אַלטער פויער מיט זיין קנעכט
גייט שפעט אין אָוונט דורכן וואַלד
אַהיים פון פעלד. און פּלוצלינג—שלעכט!
אַנטקעגן קומט אַ גרויסער בער! און באַלד,
נאָך איידער יענער קוקט זיך אום,
כאַפּט ער דעם אַלטיטשקן אַרום
לייגט אים אַוועק און נעמט אים טרעטן
און ווי אַ מיירע חאַרפּן אים און קנעטן.
ער זוכט נאָר וואו צו טאָן דעם ערשטן ביס.
דער פויער זעט: זיין סוף קומט שוין געוויס.
„אוי ראַטעוויע, סטעפאַן, מיט מיר איז אויס!—
שרייט ער פון אונטערן בער אַרויס—
און אונזער נייער שמשון כאַפּט די האַק,
דערלאַנגט דעם בער אַ קנאַק
מיט אַלע כחות גלייך אין קאָפּ,
אַז ס'שפּרינגט אַ האַלבער שאַרבן באַלד אַראָפּ,
נאָכדעם אין בויך אַ צוויי דריי צי.
דער בער טוט נאָך אַ ריטש און פאַלט האַלב־טויט.
אָט פּגרט ער, פאַרביי די נויט,

דער פויער קריכט אַרוים מיט מי,
גלייַכט אוים די ביינער
און הויבט אָן קריטשען מיט די ציינער
און זידלען פיל ער קען.
דער בחור שטייט און גאפט: פאר וואָס, פאַר ווען?
„דו פרעגסט נאָך, פערד?
האָט איר אַמאָל אַזוינס געהערט?
גלאַט שטייט און האַקט און מאַכט אַ תל
פון גאָר דער פעלו“

סב. די בעל־הביתטע מיט די דינסטן.

געװען אַ מאָל אַ בעל־הביתטע,
אַן אַלטיטשקע, אַ פּראָסטע,
האָט זי געהאַט צװײ מײדן
און פלעגט זײ װעקן בײרן,
גאַנץ פרי באַגינען,
צו זעצן זיך בײם שפּינדל שפּינען.
פאַרטאָג, װען אַלץ נאָך שלאָפט און רוט,
שטײט שוין די אַלטיטשקע און שרײַט און נוקעט
און פלאָגט זײ און מאַרוקעט
און לאָזט ניט אָפּציהען דעם אָטעם אײן מינוט.
זי װאָלט אפשר פאַרשפּעטיגט װען,
איז אָבער דאָרט אַ האָן געװען,
און באַלד בײם ערשטן קרײ
איז זי שוין אויף די פיס מיט איר געשרײ:
„שטײט אויף פוילאַטשקעס! גרױסער טאָג שוין לאַנג!”
און טרײסלט זײ פון בעט אַרױס
און בטלט זײ חלומות אױס
און לאָזט אַ מאָל די פיסן אױך אין גאַנג
די מײדן געגעצן און בורטשען אינדערשטיל:

עס ווילט זיך צודרימלען נאך כאטש ניט פיל.
אומזיסט, עס העלפט ניט קיין תחבולה:
די אלטיטשקע דערלאזט ניט קיין שום קולא,
רק זיץ פון פרי ביז נאכט און שפין,
מעגסט איינגייען, ווערן געל און גרין.
„געדיינק־זשע, דו פארפלוכטער האן!—
צוברוגזן זיך אינדערפרי די מיידן—
דיין קרייען מאכט אונז אלע צרות אן,
נו־נו, דו מעגסט שוין כלעבן
געזעגענען זיך מיטן לעבן,
מיר שיקן דיך אין גיכן אין גן־עדן!
און ביידע האבן זיך אמאל צונויפגערעדט,
דעם הענדל מיט א שטיין דעם קאפ געפלעט.
נו, איצטער, קלערן זיי זיך, ווערט
די אלטע אונז ניט אויפרייסלען פון בעט,
זי וועט אליין שוין שלאפן שפעט.
די מיידן אבער האבן ניט געטראפן;
עס האט זיך אויסגעלאזן פונקט פארקערט,
ווי אפגעקלערט:
די אלטע ציטערט פאר פארשלאפן,
האט זי געוואכט
די גאנצע נאכט

אוּן רק גֶעמִינטֶערט אִירֶע מַייִדן.
אוּן וִוי ס'איז זַיי נִיט שווֶער,
זַיי מוּזן פְרִיהֶער נאָך, ווִי בִּיז אהֶער,
מִיט דֶעם גֶעלֶעגֶער זִיך צוּשַיידן.

סג. דער לייב.

דעם אַלטן לייב איז האַרט געוואָרן אין בערלאָגע
אַוועקלייגן די אַלטע דאַרע ביינער,
האָט ער צונויפֿגערופֿן זיין הנהגה,
אַלץ חיות האָריגע, ווי וועלף און בערן,
זיי זאָלן אים אַ עצה באַלד באַקלערן,
ביי וועמען קען מען האָר אַ ביסל שערן,
ער זאָל ניט דאַרפֿן שלאָפֿן אויף די הוילע שטיינער.
—אָ הערשער!—ענטפֿערט מען אים אויפֿן שטעל—
פֿאַר דיר—ניט נאָר די האָר, די פֿעל
וואָלט איטלאַכער פֿון אונז געשיינקט גאָר אָן הויזות,
נאָר האָסט דען ווייניג האָרעדיגע חיות?
אי הירשן, הינדן, ציגן, פֿאַרנעס;
דער וואַלד איז זייער שטענדיגער מפֿרנס,
און קיינער צאָלט קיין שטייער ניט אַ פּרוטה,
בכן איז טאַקי אונזער עצה גאָר אַ גוטע:
היים אָפּשערן ביי זיי די וואָל,
וואָס זיי פֿאַרמאָגן אָן אַ צאָל,
און מאַך זיך ווייכער דיין געלעגער.
און אויספֿירן דיין הייליגן געבאָט,

קלײַב אױס פֿון אונז די בעסטע יענער!
דער מושל פֿאָלגט דעם קלוגן ראָט
און זאָגט זײַ צו פֿאַר טרײַשאַפֿט זײַן גענאָד.
די חיות האָבן מיט אַ ברען אַ פֿרומן
אַ גאַנצע מתנה הירשן גיך פֿאַרנומען;
פֿון זײַ אַראָפּגעצױגן לױטן לײַבס באַפֿעל,
די האָר צוזאַמען מיט דער פֿעל,
געמאַכט אים אַ געלעגנער אַ מחיה;
נישמער, פֿון די שירים
האָט איטלאַכס היכנעשטעלטע חיה
געמאַכט פֿאַר זיך אַ סיעניקל אַ גײעם.

סד. דער לייב אויף דער עלטער.

דער שטאַרקער לייב, דער פחד פון די וועלדער,
איז שוואַך געוואָרן אויף דער עלטער
די נעגל שלאַף, ניטאָ קיין ציין
קוים קען ער אויף די פיס נאָך גיין.
דאָס ערגסטע אָבער איז,
וואָס קיינער שרעקט זיך שוין ניט פאַר זיין ביס,
און וער עס האָט מיט איס חשבונות
פאַר זיינע רוצחישע אַמאָליגע עונות,
דער לאָזט אויף איס איצט אויס זיין צאָרן:
דער פערד דערלאַנגט איס מיט זיין מעכטיגער קאָפּיטע,
דער וואָלף גיט זיינע ציין א פּרייע שליטה,
דער אָקס—זיין שאַרפן האָרן.
דער לייב פאַרקוועטשט די האַרץ און ליידט,
און קייקלענדיג זיך אויפן זייט,
טעמפ ברילנדיג פון צייט צו צייט,
האַלט ער אין זיך זיין טיפן צער.
נאָר זעהענדיג, אַן אייזל קומט,
פאַררייסט זיין קאָפּ וואויל-יונגעריש און ברומט
און קלייבט זיך בריקעווען זיין האַר.

רײַסט אויס דעֶר לײַב אַ ווִילדן בּרִיל:
שיק גִיכעֶר מִיר דעֶם טויט, און נאָט דו לִיבּעֶר!
די נרעֶסטעֶ צרות לײַד איך שטִיל—
דעֶם אײַזולם בּרִיקעֶווען—דאָס טראָג איך נִיט אַרִיבּער!

קה. די לעשטשעס.

אַ פּריץ האָט אַ טײַך אַ טיפן;
דאָרט שווימען לעשטשעס מחנותוויַיז
און טונקען זיך און צאַפּלען זיך און שטיפן,
און פּלוצים גאָר אַ נײַס:
דער פריץ לאָזט אַרײַן אַהין אַ סטאַדע
העכט בײַסיגע, אַ פוּפציג שטיק אודאַי.
—זע, זאָג מיר—פרעגט אים אײַנער—
אַמאַי האָסטו אַהער די העכט געבראַכט?
דו ווייסט דאָך, אַז זיי האָבן ציינער,
ווי שנײַדענדיגע, שטעכעדיגע בײנער!—
דער פריץ שמײכלט צו און מאַכט:
—אָט דאָס ווײס איך שוין ניט פון הײַנט;
איך בין אָבער די לעשטשעס גאָר אַ קנאַפּער פרײַנד!

ס. דער פּאַסטוך און דער ים.

ÜLIÖPILASTE ÜHING „HASMONEA"-TARTUS * JUUDI SOOST
הסתדרות הסטודנטים
„חשמונאי"
דורפט.

א פּאַסטוך זיצט בײַם ים
און היט זײַן קלײנע סטאַדע.
קײן עשירות ניט פאַרמאָגט אָוראַי,
קײן צרות אָבער אויך ניט טן הסתט;
פלעגט און זײַן המזל זײַן געפרירן, פרײלאַך,
נאָך אַשר מערער פון אַן אַנדערער מלך.
נאָר, װעהענדיג װי שיפן פאָרן
פאַרפּאַקט מיט סחורות זיבן גאָרן
האָט איבן א חשק אָנגענומען:
פאַרקױפט די סטאַדע מיט דער שטוב צוזאַמען,
געקױפט זיך סחורה פאַרן בימעלע מזומן
און ... ט אַװעקגעלאָזט זיך אין די ימען.
נאָר ס'איז קײן גליק ... ניט באַשערט:
װי ס'... פאַרשװאונדן פאָר די ערד,
צושמעטערט זיך א שטורעם װילד און גרױס,
צוקלאַפּט זײַן שיף;
דאָס פּיפל סחורה ... אין ים שװימט,
אַלײן קאָם מיטן לעבן אויך ארױס.
אױף מוזער װידער פאַסטוך געװעזן.

ער האָט אַצינדער
ניט זײַנע שאָף און רינדער,
מיט פרעמדע זיצט ער שוין אַ משמר.
נו מילא,
די צײַט איז דאָך אַ רופּאַטע אַ וואוילע,
דער פאַסטוך אַרבעט שחערלאַך,
נאָר ערלאַך.
ער זאַמלט זיך אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה
און קלײַבט צונויף אַ סומע נאָר אַ גוטע.
אַ סטאַרע זיך אַ אײַגענע געקריגן,
זיצט ער און פּאַשעט איר מיט פאַרגעניגן.
און אײַנמאָל ווי ער זיצט
און קוקט אין ים אין טיפן,
(דער וואַסער האָט זיך רוהיג שטיל געגליטשט),
דערזעט ער שווימענדיג אַ צענדליג שיפן.
דער יצר הרע האָט אַפילו
אים אָנגעהויבן רייצן לכתחילה;
דער פאַסטוך אָבער האָט אים באַלד פאַריאָגט.
ער זאָגט:
ניין, ברודערל, איך בין שוין איצט געניט,
דער פאַליעס רוהיגקײַט געטרוי איך ניט.

סז די סארנע און דער דערוויש.

א יונגע סאַרנע האָט פאַרלוירן איר גע͏זינדל,
דער אײַטער אָבער איז איר פול און אָנגעצויגן;
דערזען אין װאַלד אן עלנט װאָלפיש קינדל
לויפט זי באַלד צו און הויבט אים אָן צו זייגן.
א דערווייש זעט עס, זאָגט ער איר:
דו ווייסט אַליין ניט װאָס דו טוסט, מסתמא;
די קינד וואַקסט א רוצח דאָך אויף דיר,
און דו, דו האָרעוועסט עס ווי א מאַמע!
—קען זיין, זאָגט אים די סאַרנע שטיל,
נאָר זאָל זיך שפּעטער קומען װאָס עס וויל,
—מיך רירט און טרײַבט א מוטערלאַך געפיל.
עס האָט די מילך מיר צוגעשפּאַרט,
ווי קען איך זײַן אכזריותדיג און האַרט?

—————

גיב ניט פון עולם הבא װעגן,
דאָס געבן גופא מוז זײַן הײַליג;
ווען ס'ווערט דיר שווער צו שלעפּן דײַן פאַרמעגן,
זוך אויף דײַן חבר, גיב אים אָפּ זײַן חלק!

סח. אפּעלעס און דער אייזל.

אַפּעלעס טרעפט אַמאָל אַ יונגן וחמור
און בעט אים אויף אַ סעודהלע צו זיך.
דער אייזל ווערט פאַררייסן, לויפט אויף גיך
אַרום אין גאַנצן וואַלד און קלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער,
מיט זיין געשליפן צינגל: אוי איז ער מיר מיאוס,
אַט דער אַפּעלעס, כ'האָב פון אים שוין גיט קיין חיות!
וואו נאָר ער טרעפט מיך, רייסט ער פון מיר שטיקער,
איך זאָל אים שיינקען אַ וויזיט.
איר קלערט, איך ווייס ניט וואָס ער מיינט דערמיט?
פאַרשטייט איר מיך... דער עיקר:
מסתם אַראָפּטאָלן פון מיר פּענאַסן!
אַפּעלעס הערט עס גראָד און ענטפערט שטיל:
מיין חמורל, דו ווייסט ניט וואָס איך וויל!
איך רעכן צייכענען דעם משפט פון מעדאַסן
און זיינע אויערן אַראָפּמאָלן פון דיר;
געזען שוין אויערן ביי אייזלען אָן אַ שעור,
נאָר ניט ווי דיינע, גלויבט זשע מיר!

I.

העבריזמען.

זייט		שורה		פון	
זייט	13	שורה	6	פון אייבן	בחיר—דאָס בעסטע
„	16	„	5	„ „	רבותא—אויפֿטו
„	21	„	7	„ „	בין-השמשות—פֿאַרנאַכט
„	„	„	8	„ „	טרדות—פֿאַרטאָן
„	22	„	4	„ „	כּדבעי—ווי געהעריג
„	„	„	9	„ „	שעת-רצון—גוטע מינוט
„	„	„	2	„ אונטן	כּפול-שמונה—8 מאָל
„	23	„	1	„ אייבן	המצאהלע—וויץ
„	24	„	2	„ אונטן	המצאות—איינפאלן
„	„	„	1	„ „	בבא-מעשה—לעגענדע
„	26	„	9	„ „	משיג זיין—באגרייפן
„	27	„	2	„ אייבן	מקום-מנוחה—רו-אָרט
„	28	„	5	„ „	רוחים—פארדינסטן
„	„	„	7	„ אונטן	ק״ן—150
„	„	„	6	„ „	בדיל הדל—זייער אָרים
„	37	„	7	„ אייבן	כּהרף עין—אויגנבליק
„	42	„	5	„ אונטן	מפורסם—באוואוסט
„	42	„	1	„ „	עני בשני—נאָנטער קרוב
„	43	„	6	„ אייבן	פּי האתון—אייזלשער מויל
„	48	„	3	„ „	קצין—פֿירשט
„	49	„	9	„ „	מתרעם—האָבן פאראיבל
„	52	„	9	„ „	הילכת—געזעץ
„	„	„	2	„ אונטן	שררות—פּריצים
„	53	„	3	„ „	„יישר-כּוח״—דאנק

II.

ווײַט	55	שורה	ערשטע		יד־אחת—אײן האַנט
„	„	„	4	פון אונטן	עד לב שמים—כּיזן הימל
„	60	„	לעצטע		לץ—וויצלינג
„	61	„	2	פון אונטן	ידיד—גוטער פרײַנד
„	63	„	8	„ אויבן	מרעיש—טומלט
„	69	„	5	„ „	„ר׳ נאָך־אים״—„ר׳ נחום״
„	75	„	13	„ „	מכּות—גאָרניט.
„	76	„	4	„ אונטן	קמצנות—קאַרגשאַפט
„	84	„	4	„ אויבן	זולל־וסובא—פרעסער און זויפער
„	„	„	לעצטע		נזיר—חער ס׳עסט ניט קײַן פלײש; מאָנאַך
„	85	„	3	פון אויבן	שכינה—געטלאַכער וועזן
„	„	„	7	„ „	קליפה—טײַוול
„	„	„	12	„ „	בנעימותדינ—ליבלאַך
„	86	„	4	„ „	צבור—עולם
„	88	„	2	„ „	שפע—פרנסה
„	89	„	3	„ אונטן	מרה־שחורה—מעלאַנכאָליע
„	92	„	2	„ „	תל עולם—חורבן
„	94	„	2	„ „	כּרך—גרויסע שטאָט
„	95	„	12	„ אויבן	שמחה־ששון—גרויסע פרייד
„	96	„	7	„ אונטן	הווה—איצט
„	„	„	4	„ „	אומנות—פראָפעסיע
„	97	„	7	„ אויבן	ה״כ, תקיעת כּף—אַ האַנט
„	„	„	8	„ „	בריהק—קענער, בריה
„	„	„	4	„ אונטן	כּחצות—האַלבע נאַכט
„	98	„	4	„ „	נהנה—פאַרזוכט
„	100	„	4	„ אויבן	סעודת שלמה בשעתו—אַ סעודה ווי שלמה המלך
„	101	„	4	„ „	גדלות—גרויסקייט

זײט 103 שורה 8 „ אונטן חקרן—פאָרשן

„ 104 „ לעצטע שהחינו—אַ ברכה.

„ 105 „ 8 פון אויבן חיות—לעבן

„ „ „ 9 „ „ מבזה—פאַרמיאוסט

„ „ „ 10 „ „ עולם הז—די וועלט

„ „ „ 2 „ אונטן קץ—סוף

„ 106 „ 2 „ „ מן המוכן—פון גרייטן

„ 108 „ 4 „ אויבן פלאי=פלאים—גרויסע וואונדער

„ „ „ 7 „ אונטן גן=עדן=התחתון—גן-עדן אויף דער וועלט (אונטערשטער)

„ 109 „ 9 „ „ נשתומם—פאַרוואונדערט

„ „ „ 2 „ אונטן מעשה=נסים—וואונדער-זאַכן

„ „ „ לעצטע מודה ומתודה—איך זאָג אויס דעם אמת

„ 110 „ 5 פון אויבן פלא—וואונדער

„ „ „ 7 „ „ אלא—נאָר

„ 112 „ 9 „ אונטן חברותא—חברשאפט

„ 113 „ 10 „ אויבן מה נעים ומה טוב—ווי ליב און גוט

„ „ „ 7 „ אונטן „הן"—יע=וואָרט, נאמנות.

„ „ „ 6 „ „ ביזי בזיונות—חרפות.

„ „ „ 2 „ „ שלי שלך, שלך שלי—מײַנס איז דײַנס און דײַנס איז מײַנס

„ 114 „ 8 „ אויבן דוד=יונתן—צוויי נאָנטע חברים אין דער ביבל

„ „ „ לעצטע דם=שונא—בלוטיגער שונא

„ 116 „ 5 פון אויבן בעל=נימוס—אַרטיג

„ „ „ 9 „ „ רגל—פוס.

„ „ „ 11 „ „ קרן—אַ ווערט

זײַט ,, שורה 2 , אויבן א ז נ י ם—אויערן

,, 117 ,, 10 ,, ,, י ו ם־ה מ י ת ה—טאָג פון טױט

,, ,, ,, 12 ,, ,, מ ת ו ש ל ח - געלעבט לײַנגער פֿאַר אַלע מענטשן (בראשית

,, ,, ,, לעצטע. פ נ י ו ת—הינטער־געדאַנקען.

,, 122 ,, 2 ,, אויבן ת ח ב ו ל ה—מיטל.

,, ,, ,, 4 ,, ,, ק ו ל א—פאַרגרינגערונג.

,, 124 ,, 3 ,, ,, הנהגה—ר ע ג י ר ו נ ג, פֿאַרוואַלטונג

,, 126 ,, 8 ,, ,, ע ו ו נ ו ת—זינד.

,, ,, ,, 11 ,, ,, ש ל י ט ה—הערשאַפֿט

,, 130 ,, 3 ,, ,, מ ש מ ר—וואַך־נאַכט

,, ,, ,, 5 ,, אונטן ל כ ת ח י ל ה - צוערשט

,, 132 ,, 1 ,, אויבן ח מ ו ר—אײזל

דרוק פעלערן.

זייט 15 שורה לעצטע שטייט וועט דארף שטיין ווערט.
„ 21 „ 4 פון אונטן „ לויבן „ „ לייבן.
„ 65 אין קעפל „ דע „ „ דער.
„ 66 שורה 2 פון אונטן „ אסטו „ „ האסטו.
„ 68 „ לעצטע „ ניט „ „ ניט געטויט.
„ 72 „ 10 פון אויבן „ אים „ „ איר.
„ 89 „ ערשטע „ אפילו „ „ א פולע.
„ 107 „ ערשטע „ פריציש „ „ פריציש הויז.
„ 122 „ 10 פון אויבן „ יך „ „ זיך.
„ 129 די לעצטע 8 שורות דארפן געלייענט ווערן אזוי:

אונ האט אוועקגעלאזט זיך אין די ימען.
נאר ס'איז קיין גליק אים ניט באשערט:
ווי ס'ווערט פארשוואונדן נאר די ערד.
צישטורעמט זיך א פאליע ווילד און גרויס,
צוקלאפט זיין שיף;
דאס ביסל סחורה ליגט אין ים שוין טיף.
אליין קוים מיטן לעבן גאנץ ארויס.
אוים סוחר, ווידער פאסטוך. נישמער,

זייט 132 שורה לעצטע שטייט גלויבט דארף שטיין גלויב.